STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04736

MAN UN FROY

Leonard Landes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04736-8

9780657047368T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מאַן און פרוי

די געהיימניסע וואָס מאַן און פרוי דארפען וויסען אום צו פיהרען א גליקליכען פאמיליען לעבען און ווי זיך צו פערהיטען פון א סך צרות.

פערפאַסט און ארויסגעגעבען
פון

דאָקטאָר לעאָנאַרד לאַנדעס

געוועזענער אַסיסטענט פון אוניווערסיטי דיספענסערי, דעלמיט
דיספענסערי, פאָסט גרעדיואייט האָספיטאל, פאָליקליניק,
בעלוויו האָספיטאל דיספענסערי, לעביינאָן האָספי־
טאל, ניו יאָרק אָראל אינסטיטוט, ניו יאָרק
אינפערמערי, דייטשען פאָליקליניק, מאָנט
סייני האָספיטאל דיספענסערי,
געוועזענער אַרצט דער פאַנאַמאַ
ריילראָאד קאָמפּ.
און דירעקטאָר פון עלעקטרישען מעדיצינישען אינסטיטוט, ניו יאָרק.

פערפאַסער פון

„זינד געגען דער נאַטור“, „דער מענער פריינד“, „דער פערפיהר־
מער“, „מאַן און פרוי“, אדם און חוה“, „די הייראַטה“, „דער
מייוועל“, „די ליעבע“, „דער מענש“, „קערפער און זעעלע“,
„געזונד און לעבען“, „די אויסגעלאַסענע וועלט“, „די צוויי
געשלעכטען“, „נערוועזישע אַמעריקאַ“, „דער האַלבער מענש“.

140 East 22nd Street, New York

Office Hours: 9 a. m. to 8 p. m. Sundays: 10 a. m. to 3 p. m.

Price, 15 Cents.

אינהאלטס-פערצייכניס

1. פאָררעדע.
2. א פּאָאר ערנסטע ווערטער.
3. מאַן און פרוי.
4. ווי מאַן און פרוי ענטוויקלען זיך.
5. ליעבע און אויסוואַהל.
6. הייראַטה און געזונדהייט.
7. הייראַטה און די פרוי.
8. דער געשלעכטליכער פערקעהר און דער מיסברויך.
9. מפיל זיין דורך קינסטליכע מיטלען און דער ניט פולער פערקעהר.
10. צופיעל קינדער און ווילדע תאוה.
11. שוואַנגערען און ווי עלטערן דאַרפען זיך דאַן אויפפיהרען.
12. די ווירקונג פון עלטערן און אומשטענדען אויף קינדער איידער זיי ווערען געבאָרען.
13. אורזאַכען פון צושטערטע פאַמיליע-לעבענס.
14. דער תלמוד וועגען „אנאָניזם“, וועגערישע קראַנקהייטען און פאַמיליען-לעבען.
15. „חכמת היצירה“ און ווי עס דערצעהלען די קינדער.
16. די וועלט און אַלע בעשעפעניסען.
17. קאַטאַלאָג צו דר. לאַנדעס' געזונדהייטס-אויסשטעלונג.

פאררעדע

ווערטהע לעזער און פריינדע: —

אַלע מיינע ביכער זיינען געשריעבען געוואָרען מיט ערנסטע און ריינע אַבזיכטען; יעדער איינער פון זיי איז די פרוכט פון טיעפען דענקען און גוטען איבערלעגען; יעדער פון זיי איז די פרוכט פון מיינע ערפאַהרונגען אין פראָפעסיאָנעלען און אויך אַלגעמיינעם לעבען. דער יעצטיגער בוך „מאַן און פרוי“ איבערשטייגט זיי אַלע. „לעב אַ הונדערט יאהר און לערן אַ הונדערט יאהר“, זאָגט אַן אַלטער שפּריכוואָרט, און דאָס בין איך מקיים: איך לערן און שטודיר אימער, די פריכטע דערפון טהייל איך זיך מיט אייך. דער צוועק און אויפגאַבע פון דיעזען בוך ווערט טיכטיג ערקלערט אין מיין נעקסטען קאַפּיטעל. איך האָף דאָס איהר וועט איהם געבען אַ ריכטיגען קבלת פּנים, פּונקט אזוי ווי ער פערדיענט.

איך קען זיך ניט אָבהאַלטען פון בעמערקען, דאָס פיעלע פון מיינע אידעען, פאַר וועלכע איך האַלט אין איין קעמפּפען פאַר די לעצטע 25 יאהר, פאַנגען אָן צו ווערען אויפגענומען ביי די עפענטליכע מיינונג. פרעהליכע ערשיינונגען נעהמען פּלאַץ יעדען טאָג. די כינעזישע ווענט פון פאַלשע בעשיידענהייט ווערען צובראָכען, און די וועלט וועט געניסען די פריכטע פון אמת.

אמת איז אימער ריין. בלויז דער פערשטעלטער ליגען איז שמוציג און געפעהרליך. מיינע זשורנאַלען, מיינע ביכער האָבען בלויז איין אויפגאַבע — צו פערשפּרייטען ליכט און וויסענשאַפט און פערטרייבען פינסטערניס און קראַנקהייטען. מיינע עצות זיינען ערנסט, ריכטיג און מעדיציניש־וויסענשאַפטליך. פאָלגט זיי, פיהרט זיך אויף ווי איך ראַטה אייך און פיעלע לעבענס וועלען געראַטעוועט ווערען. ווען זאָגאַר איינער פון די טויזענדע לעזער זאָל געראַטעט ווערען דורך מיינע ביכער, ווען עס זאָל בלויז

טהון נוצען און פערלייכטערן די ליידען איינעם פון 10־טויזענד, בין איך צופריעדען און גוט בעלאָהנט פאַר מיין שווערע מיהע.

איך וואָלט אויך וועלען בעטען מיינע קריטיקער, די וועלכע פערלוימדען מיר און בעליידיגען מיר, אָהנע פיעלע מאָל מיינע ביכער צו לעזען; זיי טהוען אַ קוק אויפ'ן טאפעל און עס איז גענוג זייערע אַנזיכטען צו בייטען. הערט אויף צו קוקען אויף די וועלט מיט די קליינע איינזייטיגע בליקען. דערמאָהנט זיך, דאָס יעדער האָט זיינע אייגענע אנשויאונגען, צו וועלכע יעדער איז בערעכטיגט. געדענגט, דאָס פיעלע לייטע קומען צו איין פלאַץ דורך פערשיעדענע וועגען. דערמאָהנט זיך, דאָס איך בויע עפעס נויטיגעס און וויכטיגעס, אין דער צייט וואָס איהר צו־שטערט און ברעכט, און ווילט ניט לאָזען אנאַנדערען טהון די נויטיגע ארבייט.

איך דאַנק אלע פריינדע פון נאָהנטען און פון ווייטען פאַר די פיינע אויפנאַהמע, וואָס זיי גיבען אַלע מיינע ביכער און די צייטשריפט „געזונד און לעבען". איך דאַנק די אַלע, וואָס שרייבען מיר וועגען מיינע ווערקע. איך בין דאַנקבאַר פאַר די קאָמפלימענטען און אויך פאַר די קריטיקירונגען. איך בין צו בעשעפטיגט צו ענטפערן יעדען איינציגען, אָבער דאָ געפין איך די געלעגענהייט צו דאַנקען זיי און זאָגען, דאָס זייערע בריעף זיינען זעהר ווילקאָמען.

מיט פריינדליכע געפיהלע

אַכטונגספאָל,

Dr. Leonard Landes.

140 איסט 22טע סטריט.

ערשטער קאַפּיטעל

אַ פּאאר ערנסטע ווערטער

דזשאהן ראסקין, דער בעריהמטער ענגלישער שרייבער, דריקט זיך אויס אין איינע פון זיינע ווערקע: „עס גיעבט ביכער פיר די שטונדע, און ביכער פיר אַלע צייטען". זיין קלאַסיפיקאַציאָן האַלט אויס גוט. אַלע ביכער, מאַגאַזינען, צייטונגען, אַלעס וואָס ווערט געשריעבען און געדרוקט האָט זיין ווערטה. די פראגע איז נור פיר ווי לאַנג עס האַלט אָן?

די מאָדערנע דרוק־מאַשינען, מיט זייערע עלעקטרישע איינריכטונגען, האַלטען אין איין ארויסגעבען ביכער אין פער־שיעדענע געגענשטענדע און טהעמאַס. וואו איז דער גרענעץ? וואו איז די שאַרפע ליניע וואָס זאָל צוטהיילען די ביכער אין דיעזע צוויי קאַטעגאָריען?

דר. לאַנדעס איז גענייגט זיי צו טהיילען נאָך זייער ניצ־ליכקייט וואָס זיי ברענגען און זייער קראַפט צו פערטרייבען פינסטערקייט און פערשפּרייטען די ליכט פון בילדונג און פער־שטאַנד.

דר. לאַנדעס, נאָך מיט יאָהרען צוריק, האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו ווידמען זיין צייט זיין שרייבען און ארויס־געבען ביכער אויף געגענשטענדע מיט וועלכע ער, אלס מעדיצי־נישער אויטאָריטעט, איז גוט בעקאַנט, און אויף וועלכע עס גיעבט איבערהויפּט כמעט קיין ליטעראַטור אין אידיש. פיעלעס האָט ער שוין געטהאָן זיינע בריהדער פערנינפטיגער און געזינד־טער צו מאַכען. זיינע 10 ביכער, בעהאַנדלענדיג פערשיעדענע טהעמאַס וועגען טהרת הגוף, הנשמה והמשפחה, ווי דער דאָקטאָר בוך, פערפיהרטער, די ליעבע א. ז. וו., האָבען געווים פערדיענט אָנגערופען צו ווערען „ביכער פיר אַלע צייטען". זיי ענטהאַל־

— וואָס זיינען די בעסטע צעהן זאַכען אין דער וועלט?
דר. לאַנדעס צעהן ביכער וועגען טהרת הגוף והמשפחה.

טען עטוואָס וויכטיגעס, וואָס איז וויסענשאַפטליך ריכטיג און לערנען עטוואָס וואָס איז אָבסאָלוט נויטיג. אָבוואָהל וויסענשאַפט געהט פאָרווערטס, דאָך די עלעמענטען, די גרונד־שטיינער בלייבען געטריי. אמת בייט זיך קיינמאָל ניט.

מיט פריידע דערמאָנט זיך דאָ דר. לאַנדעס די צרות וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן פון פערשיעדענע שונאים און פערלוימדער, ווען ער האָט ארויסגעגעבען זיינע ערשטע ביכער און צייטשריפטען. מען האָט איהם געזידעלט, בעליידיגט און געמאַכט צו שאַנדע און צו שפּאָט. קיין מיטעל איז געווען צו געמיין, קיין מיטעל איז געווען צו שלעכט צו שטערען דר. לאַנדעס אין זיין ניצליכע ארבייט. מען האָט געוואָרענט די סטענדקיפּערס ניט צו האַלטען זיינע ביכער, מען האָט זאָגאר איהם פער'מסור'ט צו די פּאָסטאַל אויטאָריטיס. די צייטונגען האָבען ארויסגעוואָרפען זיינע אַנאָנסען און איהם ביטער אַטאַקירט. קיין זאַך האָט אָבער ניט געהאָלפען. דער אמת זיעגט אימער צום סוף. דער ערשיינען פון דר. לאַנדעס אַ נייער בוך ווערט פערעכענט אלס יום טוב ביי ליעבהאבער פון גוטע נוציגע ליטעראַטור, און ווערט געלעזען מיט אויפמערקזאַמקייט ביי מעהר ווי 100 טויזענדע לעזערס. איבער דער גאַנצער וועלט: זיד־אַמעריקא, רוסלאַנד, ארץ ישראל, עסטרייך, אויסטראַליען און יעדער ווינקעל פון דער וועלט.

דיעזער בוך „מאַן און פרוי" אָדער „חתן און כלה", וועט געווים זיין ווילקאָמען ביי דעם אידישען לעזענדען פּובליקום, ווי אַלע דר. לאַנדעס ווערקע זיינען אימער. אין אמת'ען דאַרף דער בוך אויפגענומען ווערען הארציגער און מיט מעהר פריידע. דער בוך, אַ חוץ וואָס ער בעהאַנדעלט אַ ברענענדע טאגעס־פראגע, איז אויך די גייסטיגע פרוכט פון לענגערע פּראַקטיק און רייפערע ערפאַהרונגען אין לעבען. אָבוואָהל אַלע דר. לאַנדעס ביכער זיינען גוט, דאָך איז דיעזער בעסער. יעדער טאָג, יעדער פּאַציענט יעדער בוך מאַכט איהם פערנינפטיי־

די נערוועז פון מענשען האָבען אַ טעלעגראַף־סיסטעם.
דר. לאַנדעס בעהאַנדלונג איז גוט און בעקוועם.

נער און מעהר ערפאַהרען. די פריכטע טהיילט זיך דר. לאַנדעס מיט אייך גערן.

דיעזער בוך, געשריעבען געוואָרען אין די פרייע צייט פון אַ זעהר בעשעפטיגטען דאָקטאָר, ענטהאַלט כמעט אַלעס, וואָס די וויסענשאַפטליכע וועלט וויים וועגען דיעזע אנגעלעגענהייטען; עס איז געשריעבען אין אַ זעהר בעשיידענעם טאָן, אָבוואָהל עס בעהאַלט קיינע אבשייליכע אָדער שוידערליכע איינצעלהייטען אונטער דעם מאַנטעל פון פאַלשע בעשיידענהייט. דער אמת, נור דער ביטערער אמת, איז דער ווירקזאַמסטער וואַפען צו פערטרייבען פינסטערניס. יעדער איינער מעג, זאָל און איז פערפפליכטעט דיעזען בוך צו לעזען און פערשפרייטען. פאַטערס און מוטערס, ברידער און שוועסטער, פריינדע און פערוואַנדטע, לעזט דעם בוך אויפמערקזאַם, לעזט עס איבער נאָך אַמאָל, דערצעהלט אייער פריינד דערפון, גיעבט עס איהם, אָדער איהר; דורך דעם בוך וועלען פיעלע לעבענס גערעטעט ווערען, אין פיעל הייזער שלום־בית צוריקגעשטעלט ווערען, פיעלע אונשולדיגע קינדער וועלען פערשפּאָרען צו ווערען אונגליקליך אָדער קרבנות פון קאַדעטען און „ווייסע שקלאַפען“־הענדלער. דר. לאַנדעס וויל ניט מאַכען קיין געלד פון די ביכער, און ער מאַכט עס אויך ניט דערפון. דער פרייז פון די ביכער דעקט קוים די הוצאות פון דרוקען; פיר זיין שווערע ארבייט האָט ער בלויז די איבערציינונג דאָס ער האָט געטהאָן גוטעס, מענשענלעבענס גערעטעט, און דאָס איז גענוג פאַר איהם.

פיעלע פון דר. לאַנדעס' שונאים און סתם ניט־פערגינער זאָגען, אַז דר. לאַנדעס האָט בלויז איין צוועק מיט זיינע ביכער, און דאָס איז, זיך אַדווערטייזען. אויב אזוי זיינען אַלע ליטעראַרישע ווערקע וואָס ווערען פערפאַסט, אַלע פּאָעזיע וואָס ווערט געשריעבען, אַלע וויסענשאַפטליכע פּאָרשונגען וואָס ווערען פערצייכענט, אַלעס איז בלויז „איין קאַמפּיין פון אַדווערטייזינג“ געוויסערמאַסען איז עס טאַקי אויך ריכטיג.

דעם מאָגען, דעם לעבער און אַנדערע טהיילען,
קען דר. לאַנדעס זיכער אויסהיילען.

די גרויסע ערפינדער ווי עדיסאָן און מאַרקאָני מיט זייערע וואונדערבאַרע ערפינדונגען, האָבען זיך אַליין אדווערטייזט. נעהמט די ווערקע פון בעריהמטע שרייבער פון אונזערע יעצטיגע צייטען, נעהמט זאָגאר אונזערע אידישע שרייבער, אדווערטייזען דען ניט זייערע שריפטען דעם פערפאַסער אליין? געוויס יעדער סאָרט אַדווערטייזען איז ליטעראַטור, און יעדע ליטעראַרישע ארבייט אַדווערטייזט אין געוויסען זינען דעם פערפאַסער דערפון.

דער בוך בעהאַנדעלט אין וויסענשאַפטליכען און מעדיצינישען אַרט און ווייזע די פערהעלטניסע צווישען „מאַן און פרוי" אין פערהייראַטען לעבען, און די פערהעלטניסע צווישען מענליכען און ווייבליכען געשלעכט אין אַלגעמיין, ווי ליעבע, תנאים, חתונה, „רייף" ווערען; איבערהויפּט אַלעס וואָס אַנבעלאַנגט צום ריכטיגען פערשטעהן פון מענשליכען קערפּער און זיינע פונקציאָנען און ענטוויקלונג אין אנבעטראַכט זיין געשלעכטליכעס לעבען. אויף די פראגען, אָבוואָהל קיין שפּראַך האָט קיין איבריגס רייכע גוטע ליטעראַטור, די אידישע ליטעראַטור אבער איז בעזאָנדערס אָרעם אין דעריין, ניט אַכטענדיג וואָס דאָס אידישע פאָלק נויטיגט זיך אין דעריין מעהר ווי אַלע. „רוב מנין און רוב בנין" פון אונזערע אידען אין אמעריקא קומען פון די קליינע שטעדטלעך פון רוסלאַנד, רומעניען, גאַליציען און אַנדערע אונענטוויקעלטע און פינסטערע לענדער. זיי וויסען ניט פיעל פון קיינע לעבענס-אנגעלעגענהייטען. די סיסטעם פון ענטפערן פראגען דורך פּעטש איז אָנגענומען פיר ריכטיג, אָבער די פּעטש פערטרייבען דעם חשק צו פרעגען, אָבער ניט צו וויסען. די יוגענד וואַקסט אויף מיט לעבעדיגע פראגעס אין זייערע הערצער און פערשטאַנד, פערשטעלט מיט דעם שאטען אָדער פון פאַלשע בעשיידענהייט אָדער פערדעקטע אויסגעלאַסענהייט. די יוגענד וואַקסט אויף אָהנע צו וויסען די עלעמענטאַרישע געזעצען פון די וויכטיגסטע מענשליכע

לעזט און פערשפּרייט דר. לאַנדעס ביכער
און צייטשריפט „געזונד און לעבען".

פונקציאָן (פון זיך רעפּראָדוצירען). אין די קליינע שטעדטלעך, וואו עס איז דאָ אַן אקושערקע (הייבאמע), ווערען די קליינע קינדער געבראַכט ביי איהר; ווען ניט בעמיהט זיך שוין דער בושעל און ער ברענגט זיי. טאָמיר ניט איינער פון די צוויי, ווערען זיי געקויפט ביים ציגיינער. נון, ווי דענקט איהר, אַ זעהר צופריעדענשטעלענדער ענטפער פאַר קינדער, גרויסע און קליינע, אויף דער פראגע פון וואַנעט נעהמען זיך די ברידערלעך און שוועסטערלעך, מיט וועלכע גאָט פּרעזענטירט אָפט געגוג?

עס איז אמת, פיעלע וועלען אייך זאָגען: אָ די יוגענד וואָס קומט פון די קליינע שטעטלאַך, אהן וועמען זיי עטוואס צו דערצעהלען, געפינען אללעס אויס פון זיך אליין צו דער ריכטיגער צייט און עס טהוט ניט זייער קערפּער אונד ניט זייער גייסט קיין שאדען.

אפילו אויב דאס זאל יא זיין אמת, אין וואס דר. לאנדעס צווייפעלט זייער שטארק, און האט פולען רעכט און גרינדע צו צווייפלען, ווייסט איהר אבער די לאגע פון די יונגע לייט אונד מעדכען וועלכע קומען פון רוסלאנד, גאליציען אונד רומעניען, פון די קליינע שטעדטלאך צו די גרויסע וועלט שטאדט ניו־יארק אהנע עטוואס צו ווייסען? זייער לאגע איז פיעל גלייך צו דער לאגע פון די חיות אין א וואלד פערשפּרייט מיט נעטצען אונד גריבער: די וואס ווערען געראטעט פון די נעטצען פאלען אין די גריבער און להיפוך; די יונגע לייט, וועלכע צו הויז זיינען מעהרסטענס טיילע געוועזען אויסגעלאססען בלויז אין געדאנקען, ווערען אויסגעלאססען אין טהאט. זיי לאזען זיך אוועק זוכען ביללינע פערגאטענע פערגעניגען. זיי ווערען אנגעשטעקט מיט פערשידענע וועגערישע קראנקהייטען און פעראומגליקען אהנע עס פיעלע מאהל זעלבסט צו וויסען, אומשולדיגע אונגליקליכע מיידלעך, וועלכע ווייסען אין פיעלע פעלע נאך ווינציגער ווי די יונגע לייט.

דר. לאנדעס וועט אייך איבערגעבען בלויז עטליכע פעלע

דר. לאַנדעס „געזונד און לעבען“ עבען ערשיענען, ענטהאַלט אַלעס וואָס איהר דאַרפט און זאָלט וויסען.

פון זיין פראַקטים און וואס איהר אליין ווייסט פון די צייטונגען און איהר וועט לייבט איבערצייגט ווערען פון די אומגליקען פון אונוויסענהייט. דער גרעסטער אומגליק שטעקט אין דעריין, וואס די קינדער וועלכע וואקסען אויף אהן זייערע עלטערען, זיי עטוואָס צו דערצעהלען וועגען געשלעכטליכען לעבען, געפינען עס אוים אליין, אבער פון שמוציגע, אויסגעלאַססענע קוועלען, וועלכע פערפעסטען אונד פעראומרייניגען דאס אומשולדיגעם קינדס געדאַנקען אונד קערפער, ער פערלירט זיין רעספעקט אונד צוטרוי צו די עלטערען און ווערט גאַנץ אפט דאדורך רואינירט פיר זיין גאַנצען לעבען.

מיט אַ יאהר צוריק האָט דר. לאַנדעס ערהאַלטען אַ בריעף פון אַ יונגען אינגעל, 18 יאָהר אַלט. ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט דר. לאַנדעס נאמען דורך זיינע אדווערטייזמענטס, צייטונגען און ביכער. ער האט איהם געבעטען א עצה. א קאפירטער בריעף פון דעם אינגעל וועט אייך צייגען זיין גייסט־צושטאנד אונד ליידען. אם בעסטען... „יא, ווי איך האב פריהער געזאָגט. עס פעהלט מיר עפעס. איך ווייס ניט וואס. מיינע חברים דערצעהלען מיר אזעלכע מעשות וועלכע עס ווילט זיך ניט גלויבען, אבער צייטענווייז פאַנג איך אן צו גלויבען. זיי האבען מיר געציינט ווי צו בעגעהען זעלבסט־בעפרידיגונג. אבער דאס ערגסטע איז דאס. איך בין בלויז א יאהר אין אמעריקא, האלט זיך אויף ביי מיינעם א אנקעל אין הויז. ער האט א קליינע מיידעלע פון א יאהר 7, וועלכע גלייכט מיר זייער און קומט אריין צו מיר אין צימער ווען איך שלאָף. אָ, גאָט! די בעסטיע געפיהלען ווערען אין מיר אזוי אָפט אויפגערעגט דאָס איך האָב מורא דאָס איך וועל זיך אמאהל ניט קענען בעהערשען און וועל פעראומגליקען דאס קליין קינד. א, גאט, איך וועל משוגע ווערען!! וואס זאל איך טהאן הערר דאקטער? גיט מיר א עצה איך בעט אייך!“

דר. לאַנדעס האָט געשריעבען דעם יונגענמאַן צו קומען **אין זיין אָפיס.** ער האָט איהם **עקזאַמינירט, און אויסער צו־**

„דער נערוועזער יאהרהונדערט“, דר. לאַנדעס נייער **בוך**
וועט קירצליך ערשיינען.

שטרייעטע און ענטצונדענע, פון די שלעכטע געדאנקען, נערווען איז ער געוועזען פאלקאם געזונד. מיט עלעקטרישע בעהאנדלונג און מיט פערנינפטיגע רייד האט איהם דר. לאנדעס אויסגעקורירט.

דאס איז בלויז איינער פון די טויזענדע פעלע, וועלכע פאסירען אין אמעריקא. דאס קען אויך דיענען אלס איבערצייגונג צו די ליידען פון דעם עלענדען אינגעל, וואס איז געוועזען ערענטליך אין הארצען, אבער וועמען די העלישע פערדארבענע חברים און שלעכטע געדאנקען האבען געפיהרט צום וועג פון זיכערען אונטערגאנג.

ווער פון אייך, ווערטהע לעזער, געדענקט ניט די „שווארץ" קיים, וועלכע איז געוועזען פיר אונז אידען אזא פאטש אין פנים? ביי אונז אידען, ביי וועמען אויסגעלאסענהייט איז געוועזען א זעלטענהייט, זאלען האבען געליעפערט אזא לומפיגען ניעדערטרעכטיגען יונג? דער פאל איז געוועזען, דאס שווארץ, א זוהן פון זעהר אנשטענדיגע אידישע עלטערן האט פערגעוואלטיגט א קליינע קריסטליכע מיידעל און האט איהר נאכהער ערמארדעט, אום זיין שרעקליכע טהאט צו בעהאלטען. קינדער ווערען געבארען מיט נייגונגען, אבער זייער כאראקטער ווערט פארמירט ביי די עלטערן. די שווארץ־פאמיליע, אמת אינדירעקט, איז פעראנטווארטליך פאר דעם מארד און דעם פערברעכען פון זייער זוהן. ווען דער יונגער שווארץ איז געווארען 12 יאהר, איז ער מיט אמאל געווארען א „בעד באי", פלעגט קומען שפעט אהיים, זיך ארומדרעהען מיט שלעכטע קאמפאניע. האבען די עלטערן אויסגעפונען וואס עס האט פאסירט מיט אמאל, וואס האט איבערגעביטען דאס קינד פון מלאך צום טייוועל? ניין, א „בעד באי" דארף מען שלאגען און „ענד מאכען דאס הויז". דאס איז א פאלשער וועג. דאס שלעכטע קינד ברויכט מעהר די עלטערנ'ס ליעבע ווי דאס גוטע קינד. די אורזאכע פון שלעכטס ווערען דארף אויסגעפונען ווערען, און דאס קינד דארף

דר. לאנדעס וועט באלד ארויסגעבען די איבערזעצונג פון „דעמעדזשד גודס", די וואונדער־דראמא.

געבראכט ווערען צום גלייכען וועג. געווים האט דער יונגער שווארץ געהערט אבשייליכע געשיכטען פון אויסגעלאסענע, פערדארבענע חברים, וועלכע האבען איהם געמאכט קלוג, (סמארט), פערליערענדיג דעם רעספעקט און צוטרוי צו די עלטערן, וועלכע האבען איהם אדער א „פאטש־ענטפער געגעבען, אדער א נארישען ענטפער, איז ער געגאנגען פון שלעכט צו ערגער, פון „קרעפ גיימס“ צו „פול רומס“, פון פול רומס צו שאנדע־הייזער א. ז. וו. שווארץ איז געגאנגען בארג ארונטער, ביז ער איז בעגאנגען זעלבסטמארד אום צו ערשפארען זיינע עלטערן די שאנדע און שמאך פון טרייעל. ווען שווארץ וואלט ערצויגען געווארען אין ריכטיגען וועג, וואלט ער געהאט רעספעקט און צוטרוי צו זיינע עלטערן און וואלט קיינמאל צו אזא פינסטערען סוף ניט געקומען.

עלטערן! קינדער זיינען מעהר נייגיעריג ווי איהר דענקט, און עס נעהמט מעהר ווי אייערע נארישע תשובות צו פערענטפערען זייערע פראגעס. פערווארפט ניט די קערנער פון ספק אין די הערצער פון אייערע קינדער, דערצעהלט זיי די געשיכטע פון לעבען בישלעכווייז. אויב איהר זייט ניט פעהיג עס צו טהאן, גיעבט זיי גוטע ביכער וואס בעהאנדלען דיעזע געגענשטענדע. אין איינעם פון די קאפיטלען אין דיעזען בוך, ווערט אין איינפאכען קלארען וועג דערצעהלט פון דר. לאנדעס די פראדוקציאנס־ערשיינונגען (וואונדער ערשיינונגען) אין אלע לעבענס־פארמען ווי אין גראז, בלומען, ניעדריגער סארט פון חיות און אויך העכערען סארט. דאס קענט איהר געברויכען פאר גוטען מאטעריאל.

דר. לאנדעס׳ אפפיס,

140 איסט 22טע סטריט ניער לעקסינגטאן עוועניו

ניו יארק

אפיס־שטונדען: { פון 10 פריה ביז 8 אבענדס / זונטאג פון 10 ביז 4.

ראטה פריי.

צווייטער קאַפּיטעל

מאַן און פרוי

וואָס איז אַ פרוי? וואָס זיינען די פערהעלטניסע צווישען מאַן און פרוי? וואָס בעדייטען זיי איינער צום אַנדערען? אַ קליינע געשיכטע פון די אַלטע סאַנסקריטישע (אינדישע) ליטעראַטור, קומט אין איינפאַכע אָדער שטאַרקע ווערטער צו אַ בעשלוס, צו וועלכען אונזערע פערשיעדענע ביכער און טראַקטאַטען זיינען נאָך ביז היינט ניט געקומען.

די געשיכטע איז ווי פאָלגט:

„ווען טוואַסטרו, דער אַלמעכטיגער (אינדישער) גאָט, האָט געוואָלט בעשאַפען די פרוי, האָט ער זיך ארומגעזעהן, אַז ער האָט פערברויכט די גאַנצע מאַטעריאַל צו בעשאַפען דעם מאַן. ער האָט קיין פעסטעס, סאָלידעס מאַטעריאַל מעהר ניט געהאַט. פון דיעזער פערצווייפעלטער לאַגע איז ער ארויס נאָך אַ לאַנגען, טיפען איבערדענקען. ער האָ גענומען די רונדקייט פון דער לבנה, דעם ציטערען פון גראָז, די בליהונג פון בלומען, די לייכטקייט פון בוים־בלעטער, די בליקען פון הירשען, די לוסטיגקייט פון זונען־שטראַהלען, דעם געוויש פון ביענען־שטאָק, דעם געוויין פון וואָלקען, די לייכטזיניגקייט פון ווינטען, די שרעקעדיגקייט פון ווילדען האָז, די פוסטע גאווה פון אַ פּאַווע, די האַרטקייט פון פייערשטיין, די זיסקייט פון האָניג, די אונבאַרמהערציגקייט פון אַ טיגער, די וואַרמקייט פון אַ ברענענדען פייער, די קאַלטקייט פון שנעע, די פלוידעריי פון די וואַראַבייען, די ליעבע־שפּיעלען פון די טויבען, די פאַלשקייט פון אַ פוקס, די געטרייקייט פון אַ הונד, דאָס אַלעס האָט דער אַלמעכטיגער טוואַסטרו צוזאַמענגענומען, בעשאַפען די פרוי און איהר געגעבען צום מאַן.

עס איז נאָך קיין וואָך געוועזן פאַראיבער, ווי דער מאַן איז

דר. לאַנדעס איז גרויס אין שרייבען;

אויך קראַנקהייטען קען ער זיכער פערטרייבען.

געקומען צו טוואסטרי און געזאָגט: „אָ, הערר גאָט, די בעשעפעניש וואָס דו האָסט מיר געגעבען מאַכט מיר דאָס לעבען נמאס; לאָזט מיך קיין מינוט ניט אַליין; נעהמט אַוועק מיין גאַנצע צייט; זי וויל מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט; טהוט קיין זאַך ניט און וויינט איבער גאָר ניט. איך בעט דיך, הערר גאָט, נעהם איהר צוריק, איך קען ניט לעבען מיט איהר..

טוואסטרי האָט איינגעשטימט און האָט איהר צוגענומען. אין אַ וואָך ארום איז דער מאַן נאָך אַמאָל געקומען און געזאָגט: „מיין בעשעפער, מיין לעבען איז זעהר איינזאַם און אומעטיג פון דער צייט וואָס איך האָב דיר אַוועקגעגעבען דאָס בעשעפעניש. איך דערמאָהן זיך ווי זי פלעגט טאַנצען און זינגען פאַר מיר, קוקען אויף מיר פון איין ווינקעל אויג, זיך שפּיעלען מיט מיר און זיך צודריקען צו מיר; איהר געלעכטער פלעגט זיין מוזיק, זי איז געוועזען שעהן צום קוקען און ווייך צו בעריהרען. איך בעט דיך, גיב מיר איהר צוריק.“

טוואסטרי האָט געזאָגט: “זעהר גוט, נעהם איהר צוריק.“

עס זיינען בלויז פערלאָפען דריי טעג, ווי דער מאַן איז געקומען נאָך אַמאָל און זיך אָנגעפאַנגען בעקלאָגען: „אָ, באַרמהערציגער טוואסטרי, איך ווייס ניט ווי עס צו ערקלערען, אבער איך בין געקומען צום בעשלוס דאָס זי איז מעהר צרות ווי נחת. איך בעט דיך, נעהם איהר צוריק.“

טוואסטרי אין כעס ,האָט אויסגעשריען: „אַוועק פון מיינע אויגען, דערצעהל מיר מעהר ניט דערפון. טהו דאָס בעסטע וואָס דו פערשטעהסט אַליין!“

ווען דער מאַן האָט געזאָגט: „אָבער, הערר גאָט, איך קען ניט לעבען מיט איהר.“ האָט טוואסטרי געענטפערט: „דו האָסט אָבער אויך ניט געקענט לעבען אָהן איהר.“ און ער האָט זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט זיין רוקען און איז אַוועקגעאַנגען.

דער מאַן איז אַוועק זיין וועג, טראַכטענדיג: „וואָס קען

אין בעהאַנדלען קראַנקע פערברענגט דר. לאַנדעס זיין לעבען,
[illegible]

יך טהון? ניט איך קען לעבען מיט איהר, ניט איך קען
נבען אָהן איהר!"

דער לעצטער זאַץ איז דער כאַראַקטעריסטישער בעגריף פון
ענליכען געשלעכט וועגען דער פרוי אין אַלע פעריאָדען און
טופען פון מענשליכער ענטוויקלונג און קולטור. אין דער תורה
ערט נאָך דערצעהלט, דאָס גאָט האָט געזאָגט: „לא טוב לאדם
זיות לבדו, נעשה עזר כנגד" — עס איז ניט גוט פיר אדם צו
ין אַליין, לאָמיר מאַכען אַ געהילף צו איהם.

„פאַארען זיך" איז אַלזאָ אַזוי אַלט ווי די וועלט אַליין.
נטור האָט אויף דעם מענשען ארויפגעלעגט פליכטען, פונקט
י אויף אַלעס אין דער נאַטור, זיך צו פערמעהרען און רעפראָ־
יצירען. זעלבסטפערשטענדליך, דער מענש פאַארט זיך אונ־
ער גאַנץ אנדערע אומשטענדען ווי אַלע אנדערע בעשעפעניסע,
בער די גרונדגעזעצע זיינען עבען דיזעלבע. אין אמת רעדענ־
יג האָבען זיך די סיסטעמען פון „פאַארען"־זיך געביטען צו
־גערן, צו אַ מעהר אונגאַטירליכען שטייגער, מיט דער ענט־
יקלונג פון שטאָדטס־לעבען און פאָרדערונגען פיר פיעלע
יקסוס־אַרטיקלען. קוקענדיג צוריק, ווען די מענשען האָבען
וואָהנט מעהר גראַס, אָהן „לענדלאָרדס" און אָהן באָרדערס, און
ך געגעהרט פון ערד־אַרבייט, איז די פרייע אויסוואַהל, נאָכ׳
אַריץ־נייגונג, געוועזען מעהר אין געברויך. עס איז אין יענע
ייטען געזאָגט געוואָרען, אַז אין פאַארען־זיך האָט דאָס האַרץ
ו זאָגען מעהר ווי די אויגען, און דערפאַר פלעגט „קופּיד", דער
אָט פון ליעבע, געמאָהלט אויף בילדער אַלס בלינדער, ווי
אַנכע פון אונזערע יוגענד־פאַארען זיך הייגט, האָבען זיי נאָך
ופיעל אויגען אויף אַלעס זיך נאָכצופריגען און אויסצופאָרשען
אָס אנבעלאַנגט צו נדן, יחוס און געשעפטס־געלעגנהייטען.

אויף וואָס ווערט דער פראָצעס פון „פאַארען"־זיך געבויט?
י וויכטיגע פאַקטאָרען זיינען דער פיזישער אויסוואַהל, דער
יסטיגער אויסוואַהל, ליעבע און ליידענשאַפט. די פערבינדונג

דר. לאַנדעס בוך „בוים פון לעבען", פריי.
שיקט אַ סטעמפּ און אייער אַדרעסע.

פון צוויי מענשען, געגרינדעט אויף די אלע וויכטיגע עלעמענטען מוז און איז א גאראנטיע פאר א גליקליכען צופריעדענעם לעבען. ליידער אבער ווערען מייסטע פעראייניגונגען געמאכט אויף די גרינדע פון בלויז איין אורזאכע און דאן איז קיין סוף צו די ליידען.

עס גיעבט מענשען, וואס דענקען הייראטהען איז זעהר א לייכטע זאך, אז עס איז ניט פערבונדען מיט קיינע שוועריגקייטען, און אז מען איז אימער גליקליך. א, ניין! עס קען פאסירען, דאס א הייראטה זאל זיין גליקליך, עס איז אבער ניט אימער אזוי. עס איז ווי א לאטעריע, ווייל עס איז דא א מעגליכקייט אמאל צו געווינען, עס איז אבער דא פיעל מעהר מעגליכקייטען צו פערליערען.

פיזישע אויסוואהל איז עטוואס, וואס מען פרעטענדירען אפילו ניט צו בעהערשען. אונבעוואוסט פאר זיך אליין געפעלט אונז עטוואס וואס איז אזוי ווייט פון וואס מיר האבען געדענקט. עס איז אונזער אידעאל אזוי ווייט, ווי טאג איז פון נאכט. מיר פיהלען דאס מיר ווערען אדער צוגעצויגען אדער אבגעשטויסען צו א געוויסע פערזאן דורך קרעפטע וואס מיר ווייסען נאך ניט ווי זיי ריכטיג צו רופען און ערקלערען.

דער גייסטיגער אויסוואהל איז פערשיעדען ביי פיעלע מענשען. פיעלע געמיטהליכע און רוהיגע מענשען ווערען צוגעצויגען צו מענשען מיט די זעלבע געוואהנהייטען און מיינגען ווי זייערע אייגענע. אזעלכע לעבען אוים זייערע יאהרען, אבוואהל זעהר מאנאטאן, דאך רוהיג און שטיל, ווי א פערדומפענער טייכעל, וואס האט קיין אנטראג מיט קיין אנדער וואסער; קיין זאך שטעדט זייער רוה, און זיי זיינען פילייכט גליקליך אויף זייער אייגענעם שטייגער. די מעהרסטע, דאגעגען, ווערען צוגעצויגען פון קאנטראסטען, למשל, קאלטבלוטיגע צו לעבענסלוסטיגע; קארגע צו בעלי צדקות; שטארקע צו שוואכע — א וואונדערליכע איינארדנונג פון דער נאטור צו ניוטראליזירען

וועןֹ דר. לאנדעס בעהאנדעלט און קורירט,

דאן איז די היילונג זיכער גאראנטירט.

אלע מענשליכע אייגענשאפטען און כאראקטערע. ליעבע און ליידענשאפט זיינען ווירקליך די שליסלען צו דער אנגעלעגענהייט פון „פאארען"־זיך. די צוויי געגענשטענדע ווערען אפט צומישט און מיספערשטאנען און פערארזאכען פיעלע ענטטוישונגען און אומגליקען אין לעבען. די אויסבריכע פון ליידענשאפט זיינען אזוי ווי די שטראהלען פון בליצען — זיי זיינען בלויז פיר דער סעקונדע. ליידענשאפט איז ניט מעהר ווי דער חיה־אינסטינקט אין מענשען, ווען ער זוכט בלויז קערפערליכע בעפריעדיגונג, און וועלכער ווערט אבגעקיהלט אזוי שנעל ווי ער ווערט געשטילט.

ליעבע איז אבער דער פונדאמענט פון די ריכטיגע אידעאלע פערבינדונג צווישען מאן און פרוי. דער וועלט־בעריהמטער רוימישער געלערנטער און וואונדערבארער רעדנער ציצערא, רעדענדיג וועגען ליעבע, דריקט זיך אויס: „ליעבען איז א גרויסע וויסענשאפט, עס איז די פילאזאפיע פון לעבען; געוויססערמאסען די וויכטיגסטע זאך אין לעבען." און דר. לאנדעס זאגט, אז עס איז די הויפטזאך פון לעבען. דער ריכטיגער ליעבעס־געפיהל האלט אן פיר אימער. עס ערוועקט די בעסטע געפיהלען אין מענשען און וועט פיעלע מאל מאכען אן עדעלע ניצליכע בעשעפעניש פון אזעלכע, אויף וועלכען אלע האפנונגען זיינען שוין אויפגעגעבען געווארען. די היסטאריע פון דער וועלט איז פול מיט ביישפיעלע וואס די ריינע, וואהרע ליעבע האט אויפגעטהאן.

אבער ליעבע מוז געהן האנד אין האנד מיט ליידענשאפט. איינע אהן די אנדערע קען ניט עקזיסטירען, פונקט אזוי ווי א קערפער קען ניט עקזיסטירען אהן א נשמה.

אין גיכען וועט ערשיינען

איין העכסט אינטערעסאנטער בוך

„דער טייוועל"

דריטער קאַפּיטעל.

וויא מאַן און פרוי ענטוויקלען זיך

אין איינעם פון די קאַפּיטלען פון דיעזען בוך ווערט בעשריעבען אין איינצעלהייטען פון דר. לאַנדעס ווי קינדער קומען אויף דער וועלט. אין דעם קאַפּיטעל וועט ער בעשרייבען, ווי קינדער ווערען ענטוויקעלט און ווערען ערוואַקסענע מענשען. דר. לאַנדעס וועט איבערהויפּט שענקען מעהר אויפמערקזאַמקייט און לעגען עמפאַזיס אויף דעם זאָגענאַנטען „געפאַהר־עלטער“, ווען קליינע מיידלעך און אינגלעך פאַנגען אָן צו ווערען מענער און פרויען אָהנע עס אַליין צו וויסען. דער עלטער איז ווירקליך דער געפאַהר־עלטער. די בייטונגען אין כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט, שטימע, און קערפּער געבוי, ווערען פיעלע מאָהל ניט פערשטאַנען פון די קינדער אליין, און קיינער גיעט זיך ניט די מיהע זיי עס צו ערקלעהרען.

פיעלע פון די עלטערן ווייסען נעביך אליין קיין זאַך ניט, זיי זיינען אויפגעוואַקסען אהן ווער ס'איז זאל זיי ערקלעהרען די וואונדער פון די נאַטורליכע ערשיינונגען. זייער מעגליך דאָס צו זייערע צייטען איז עס געווען פערדעכנט פיר אויסגעלאַכען צו וויסען פון אזעלכע זאַכען. ווי פיעל שאַדען די אויפפיהרונג האָט געבראַכט וואָלט מען געקענט אָנשרייבען דיקע ביכער, און א טרויעריגע געשיכטע וואלטען זיי דערצעהלט! דר. לאַנדעס אין זיינע 25 יאהריגע ערפאַהרונג האָט פיעלע קייסעס בעהאַנדעלט און געהיילט וועלכע זיינען געווען די דירעקטע פאלגונג פון פאַלשע טריט וועלכע די יונגע קינדער האבען געמאכט אין „געפאַהר־פעריאד“. דר. לאַנדעס וועט פריהער בעשרייבען די ענטוויקלונג פעריאד אין מענער און נאַכהער אין פרויען.

קינדער ווערען געבארען קליין, הילפלאָז און פיר יאהרען לאַנג מוזען זייערע עלטערן ווידמען פיעל מיהע, געלד, צייט

דר. לאַנדעס ביכער: „דער פערפיהרטער“,
„קערפּער און זעעלע“, „טהרת המשפחה“.

און שלאפלאזע נעכט, צו זעהען ווי זיי ווערען פאלקאמענע מענשען. א פאלקאמענער קינד, ווען עס ווערט געבארען בעזיצט אלע ארגאנען, וואס א מענש האט ווען ער איז גרויס. די אונטערשייד איז נור אין זייער פונקציאנירען. פיעלע „דריסען" אין קערפער טהיילען הערען אויף צו טהון זייער ארבייט אזוי שנעל ווי א קינד דערגרייכט א געוויסען עלטער. אנדערע טהיילען ווידער פאנגען אן צו טהון זייער ארבייט ווען דאס קינד ווערט פערוואנדעלט אין א יונגען מענשען. צווישען די ערשטע קלאסע טהיילען ווערט אריינגערעכענט די „טהיימוס" דריסען, א פאאר קליינע רונדע קערפערלאך וועלכע האבען פיעל צו טהון מיט די קערפער ענטוויקלונג אין וואקסען פראצעס, וועלכע ווערען פערטריקענט און שטארבען אב צו א געוויסע עלטער. אין דער צווייטע קלאסע, די הויפט מיטגליעדער זיינען די געשלעכטליכע ארגאנען, וועלכע דיענען אויך אלס „אורין" אפאראטען. דיעזע ארגאנען זיינען דא אין קערפער פין א מאן ווי אויך פין א פרוי, ווען דאס קינד ווערט געבארען. אבער עס נעהמט א לאנגע צייט ביז זיי ווערען רייף און פערטיג פיר די העכערע אויפגאבען וואס די נאטור האט זיי בעצייכענט. פיר א לאנגע צייט ווערען זיי געברויכט בלויז אלס „אורין" געשיר, און די פערשידענע פליסיגקייטען וואס זיי גיעבען ארויס ווערען צוריק איינגעזויגען ביי דעם קערפער, וועלכער האלט עס אין זיך פיר דער צייט ווען נאטור וועט עס דארפען.

יעדער איינער פון די ווערטהע לעזער וויים געוויס די געשלעכטליכע ארגאנען פון מענליכען קערפער און עס איז אלזא ניט נויטהיג זיי דא צו בעשרייבען. די איינצעלהייטען פון די געשלעכטליכע ארגאנען אויב איהר ווילט קענט איהר געפינען אין דר. לאנדעס' אנדערע ביכער. א מאהל האט מען געגלויבט דאס די „טעסטיקלס" אין מענליכען קערפער פלעגען אויסשליסליך פארמירען די „זרע", און בלויז זאנסט ווען דער מאן פלעגט

ווען איהר וועט דר. לאנדעס אדרעסע געדענקען,

ווערען געשלעכטליך רייף. יעצט ווייס מען אנדערש. זרע, איז א קאמבינייישען פון פערשידענע קערפער פליסיגקייטען, פון וועלכע די טעסטיקלס גיעבען ארויס בלויז איין חלק. ״זרע״, אדער די חלקים וואס שפילען א וויכטיגע ראלע אין אפמאכען די זרע, ווערען איממער געמאכט אזוי שנעלל ווי א קינד ווערט געבארען. עס ווערט אבער ניט ארויסגעגעבען פון קערפער ביז וואנען די ריכטיגע צייט קומט דאפיר. אלע חלקים ווערען אבסארבירט אין קערפער און זיי זיינען איינע פון די אורזאכען וואס דער מענשליכער קערפער, בוינער, מוסקולען און נערוועז ווערען שטארקער, און האלטען זיך אין איין ענטוויקלען. זרע, אלזא, האט זייער א וויכטיגע אויפגאבע אין מענשענס לעבען. אחוץ וואס דורך דעם געהט אן דער פערמעהרונגס פראצעס, איז עס אויך איינער פון די אגענטען וואס ענטוויקלען דעם קערפער און נשמה.

ווען א אינגעל ווערט געבארען טהוען אלע ארגאנען אחוץ די געשלעכטליכע, זייער נארמאלע ארביים. די לעצטע פונקציאנירען ניט ביז וואנען עס ווערט 14 אדער 15 יאהר. צו יענעם עלטער פאנגען אן די געשלעכטליכע גליעדער לאנגזאם ארויסגעבען די געשלעכטליכע ענערגיע, וואס ווערט גערופען זרע און קומט פון די בלוט. דער פעריאד אין לעבען ווערט גערופען „פיובערטי״ (רייף ווערען). אין אנדערע וועלט טהיילען פאסירט עס אביסעל פריהער און אין אנדערע אביסעל שפעטער. עס איז אפהייגיגנג אן די ראסען און קלימאט אומשטאנדען. שלעכטע געוואהנהייטען פון קינדער, ווי רויכערן, לעזען פערדארבענע ביכער, קוקען אויף אונאנשטאנדיגע בילדער, מיאוסע רייד, אויסגעלאסענע געדאנקען העלפען פיעל דערצו, דאס די „פיובערטי״ קומט אן פריהער. ביי אונז אידען נעהמען פלאץ זעהר טרויעריקע ערשיינונגען צוליעב פריהצייטיגען ענטוויקלונג אדער פערשפעטיגטע ענטוויקלונג. עס איז שרעקליך, אבער דאס איז דער ביטערער אמת. אידען ליידען מעהר

דר. לאנדעס היילט מענער און נערוועז־קראנקהייטען
פאר די לעצטע פינף־און־צוואנציג יאהר.

פון אונאטירליכע אויפגערעגטע אדער פריהצייטיג אויפגעוועקטע געשלעכטליכע געפיהלען. די אידען ווערען געשמיסען מיט צוויי בייצען. תלמוד וועלכער ענטהאלט אזוי פיעל אינטערעסאנטע מאטעריאל, וועלכער דערצעהלט אללע איינצעלהייט'ן וועגען ריכטיגען געשלעכטליכען לעבען, ווערט געלערענט מיט קליינע קינדער פון זיעבען אדער ניין יאהר אין ישיבות און חדרים, וועלכעס צומישט די מוחות פון די קליינע קינדער. די אויסגעצויגענע, אויסגעדארטע לעבענסלאזע פנימער וואס מען זעהט אזוי אפט ביי אידען, זיינען פיעלע מאהל די רעזולטאטען פון פריהצייטיגען ענטוויקלונג, פון וויסען זאכען ניט צו דער ריכטיגער צייט. אויף דער אנדער האנד, די פראסטערע מענשען, וועלכע לערנען ניט קיין תלמוד און ספרים וואו די נויטיגע אינפארמאציאנען געפינען זיך, וואקסען אויף ווי ווילדע חיות, ווייסען קיין זאך ניט; האבען ניט די העזה ווען ס'איז צו פרעגען. זיי זיינען פונקט אזוי שלעכט אפ! זיי זיינען די הונדערטע טויזענדע קרבנות וועלכע פאללען אויפ'ן מזבח פון אונוויסענהייט. דר. לאנדעס ביכער, איבערהויפט דיעזער בוך, איז געשריבען געווארען פיר יעדעם איינעם וואס קען לעזען אידיש. דר. לאנדעס זאגט, דאס וויסענשאפט דארף זיין דער פערמעגען פון יעדען איינציגען. ער האט אויך געטהאן זיין בעסטעס די שפראך און אויסדריקע זאלען זיין אזוי איינפאך און קלאהר ווי ווייט מעגליך.

דער פריהצייטיגער געשלעכטליכער ענטוויקלונג איז זעהר שעדליך. עס פעראורזאכט דעם קערפער ארויסצוברייגען עטוואס ווען ער איז נאך דעפיר ניט פארבערייטעט.

דער געשלעכטליכער לעבען האט דריי פונקציאנען, עס בייט איבער דעם קליינעם אינגעל צו אן ערוואקסענעם מאן, עס מאכט פון איהם א פאלקאמענעם מאן און פערפערטיגט איהם צו ווערען א פאטער אין וויכטיגען צוקונפט. די איבערבייטונג פון קליינעם אינגעל צו א פאלקאמען מאן געהט אן לאנגזאם

דורך דר. לאנדעס בעהאנדלונג מיט עלעקטריציטעט
ווערט אבגעצויגען די קראנקהייט ווי מיט א מאגנעט.

אבער זיכער, פון 14 אדער 15 יאהר ביז 24. 24 יאהר איז דער
פעריאד פון געשלעכטליכע רייפקייט. צו זיעבעצעהן יאהר
ווערען די זאמען פון א יונגענמאן פרוכטבאר, אבער די זאמען
זיינען ניט גוט ענטוויקעלט און ניט שטארק גענוג צו בעשאפען
קינדער. ווען קינדער פון דעם עלטער וואלטען הייראטהען און
פערמעהרען זיך, וואלט די וועלט אדער פול געווארען מיט
קראנקע און שוואכע מענשען, אדער די וועלט וואלט געווארען
א וויסטעניס. ביז 25 יאהר מוז דער קערפער האבען די מאטע־
ריאל, וועלכע פארמירט די זאמען פיר די פאלקאמענע ענט־
וויקלונג פון קערפער אליין. אלע נאטור־ערשיינונגען ווערען
געטהאן לאנגזאם און עס נעהמט א לאנגע צייט ביז וואנען
עטוואס ווערט פאלקאם. דערפאר פאנגט זיך אן דער ענטוויק־
לונגס־פראצעס אין קערפער צו 14½ יאהר און ווערט רייף צו
24 יאהר. ביז 24 יאהר. די איינציגע פונקציאן פון זרע איז
צו ענטוויקלען דעם קינד אין א פאלקאמענעם מאן.

יעדער טראפען זרע איז ווערטה מעהר ווי 20 טראפענס
פון ריינסטען געזונדסטען בלוט. אזוי זאגען אלע מעדיצינישע
אויטאריטעטען. אין יעדען אויסגוס פון זרע זיינען דא טויזענ־
דע לעבעדיגע בעשעפעניסע, ספערמאטאזא, וועלכ מען קען ניט
זעהן מיט די נאקעטע אויגען, אבער יעדער פון זיי איז א זעלבסט־
שטענדיגע בעשעפענים. בלויז איינער פון די טויזענדע, ווען
ער קומט אין בעריהרונג מיט די קליינע אייעלע, וועלכע די
פרוי גיעבט ארויס, ברענגט אונטער גינסטיגע אומשטענדען א
נייעם לעבען. (איינצעלהייטען וועגען ספערמאטאזא אין דר.
לאנדעס „הייראטה“. „זינד געגען די נאטור“, „פערפיהרטער“
און אנדערע ביכער). א מענש קען פערליערען איין־דריטעל פון
בלוט, וואס זיין קערפער־ענטהאלט און דאך בלייבען ביים לעבען.
פערגלייכט די וויכטיגקייט פון דיביידע, און דאס וועט אייך
העלפען פערשטעהן די וויכטיגקייט פון די „זרע“, וואס פיעלע
לייטע קענען און ווילען ניט פערשטעהן.

צו רייניגען און רעגולירען די מענשליכע בלוט,
איז עלעקטרישע בעהאנדלונג זיכער איז גוט.

די וויכטיגקייט פון „זרע“ ברענגט ארויף אויף די געדאנקען די שרעקליכע און שוידערליכע זינד געגען די נאטור—זעלבסט־בעפריעדיגונג, „אנאניזם“. פיעלע יונגע מענער, אויך עלטערע מענשען, ניט וויסענדיג די וויכטיגקייט פון זאמען אויסגאנג און ניט־נאטירליכען אויפגערעגטען געשלעכטס־געפיהל, פעראונגליקען זיך און די צוקינפטיגע דורות. דר. לאנדעס פערפעהלט קיינמאל ניט די געלעגענהייט צו דערמאהנען די ערנסטע פאלגען פון דער זינד. ער האט צופיעל קראנקע בעהאנדעלט, ער האט אין פיעלע פעלע געהאט געגוג מיה אויסצוקורירען און שטעלען אויף די פיס אונגליקליכע, וועלכע האבען זיך שוין כמעט ווי ענטזאגט פון לעבען און אלע פערגניגען, אום עס צו קענען פערגעסען פיר א מינוט.

אויב די וועגט פון דר. לאנדעס אפיסעס, אויב די עלעקטרישע מאשינען, מיט וועלכע די אונגליקליכע קראנקע זיינען געבראכט געווארען צוריק צום לעבען און פאלקאמענעם געזונד, וואלטען געקענט דערצעהלען דער גאנצער וועלט וויפיעל שאדען און אונגליק די העסליכע אבשייליכע געוואהנהייט פון אנאניזם ברענגט אויף דער וועלט, וואלט זיך די צאהל פון אונגליקליכע שטארק פערקלענערט.

א מאן, עס מאכט ניט אוים אין וועלכען עלטער ער איז, אבער די יונגע מענשען איבערהויפט, וועלכע האלטען זיך אין ענטוויקלען און וואקסען זאלען נעהמען אין אנבעטראכט די אלע פערזאגונגען. נאטור איז א נוקם ונוטר, זי פערגעסט קיין זאך ניט. די שוידערליכע פאלגען פון זעלבסט־בעפריעדיגונג קומען אמאל א לאנגע צייט נאך דער חתונה. אויב יונגע לייטע האבען געזינדיגט געגען דער נאטור, אבוואהל חתונה האבען איז אין פיעלע פעלע ראטהזאם, אבער ניט פריהער ווי זיי ווערען בעהאנדעלט פון א דאקטאר א ספעציאליסט אין זיין פאך, און עס ווערט זיי געגעבען די ריכטיגע עצות. פיעלע יונגע לייט, וועלכע זיינען געקומען צו דר. לאנדעס אפיס, האבען זיך געביסען

איז אין אייער מאשין עפעס ניט ריכטיג,
איז דער גאנג צו דר. לאנדעס זעהר וויכטיג.

די פינגער פאַר ניט קומען אין דער צייט. אמת, דר. לאַנדעס האָט זיי מיט פיעל מיה געראַטעוועט פון אונגליק, אבער זיי וואָלטען פערשפּאָרט שמערצען, ליידען, שברות הלב פאַר זיך און זייערע אייגענע ווען זיי וואָלטען געקומען פריהער. לערנט זיך פון יענע אונגליקליכע. זאָלען די אומזיסטע ניט־גוויטיגע ליידען פון יענע דיענען אייך אלס אַ ווארנונג.

דיזעלבע ענטוויקלונגס־פּראָצעסען, בלויז מיט קליינע ענדערונגען, קומען פאָר אויך ביי די מיידלעך. ביי דעם פרויען־געשלעכט זיינען די אָרגאַנען אַנדערע, און אויך אַנדערש אין געוויסע היגזיכטען זיינען די ערשיינונגען, וועלכע ציינען, דאָס די קליינע מיידעל ווערט ביסלעכווייז פערוואַנדעלט אין אַ יונגע פרוי. די געדאַנקען, די מיינונגען און נייגונגען בייטען זיך איבער מיט אַמאָל. די קליינע מיידעל ווערט מיט אַמאָל א פריילין, אַ גאַנץ אַנדערער מענש. די פליכטען פון דער מוטער איז, איהר טאָכטער צו דעם פּעריאָד ביסלעכווייז פּאָרצובערייטען, אום זי זאָל די אויסקינפטע ניט קריגען פון פאַלשע קוועלען אָדער בלייבען אונוויסענד. פיעלע אונגליקספעלע זיינען געווען דער רעזולטאַט פון אונוויסענהייט.

אין דייטשלאַנד איז דאָ אַ טאַלענטפולער שרייבער וויטעקינד. ער איז אַ זעהר בעגאַבטער דראַמען־שרייבער. ער האָט זיין גאנצען לעבען געווידמעט צו וואָס ער רופט זיין לעבענס־אויפגאַבע און איז נאָך טהעטיג יעצט. זיין וואונש און שטרעבען איז, דאָס קינדער זאָלען וויסען די נאַטור־געזעצע פון געשלעכטליכען לעבען. דער אמת פון פערמעהרען זיך זאָל זיי דערצעהלט ווערען אזוי פריה ווי זיי פאַנגען אָן זיך נאָכצופרעגען. עס זאָל אָבער ניט פערנאַכלעסיגט ווערען זיי צו דערצעהלען דערפון איידער די געפאהר פּעריאָד קומט אָן. אין איינע פון זיינע דראַמען פון קינדער־לעבען, מיט'ן נאָמען „דער פריהלינגס ערוואַכונג", ווערט בעשריעבען אין איינפאַכע אָבער ריהרענדע ווערטער די שוידערליכע טראַגעדיע, וועלכע האָט פעראורזאַכט

די נייעסטע און בעסטע עלעקטרישע מאַשינען
קענט איהר ביי דר. לאַנדעס געפינען.

דעם טויט פון צוויי אונשולדיגע נשמות און האָט פעראורזאכט פיעל שמערצען און יסורים צו די עלטערן און פערוואנדטע פון די אונגליקליכע קינדער. די געשיכטע איז אזוי לעבענס־געטריי און אזוי ריהרענד, דאָס דר. לאַנדעס וועט אייך איבערגעבען אין קורצע ווערטער דעם אינהאַלט פון דער דראַמאַ. עס צייגט אָפען און איבערצייגענד די וויכטיגקייט פון בעקאַנט מאַכען די וואַקסענדע יונגע מענער און פרויען פון געשלעכטליכען לעבען.

אין דייטשלאַנד, אין קאָנסערוואַטיווע קרייזען, וואו אלעס געהט צו נאָך געוויסע פלענער און סיסטעמען, וואו אלעס ווערט געטהאָן אזוי ווי עס איז אָנגענומען ביי עטיקעט און מאָראַל, וואַקסען קינדער. די קינדער בעזוכען אלע איין סקול. מיידלעך און אינגלעך צוזאַמען. ביז א געוויסען עלטער פערטראָגען זיך די קינדער פון ביידע געשלעכטער ווי גלייכע. די געשלעכטס־פראגע אינטערעסירט זיי גאָרנישט און בעריהרט זיי גאָר נישט. די יאָרען רוקען זיך אונטער און די נאַטור פאַנגט אָן מאַכען איהרע בייטונגען. די יונגע מענשען פאַנגען אָן פיהלען עפּעס אַנדערש ווי פריהער. אנדערע געפיהלען, אנדערע געדאנקען פאַנגען זיך אָן רוקען אין קאָפּ. די פראַגע, פון וואַנען קומען קליינע קינדער אויף דער וועלט פאַנגט זיי אָן אינטערעסירען. זיי פאַנגען אָן בעאָבאַכטען, ווי די הויז־טהיערע האָבען געשלעכטליכען פערקעהר. זיי זיינען עפּעס ווי אין דער פינסטער, זיי פיהלען די דונקעלהייט און זעהען ניט קיין וועג ווי דערפון אַרויסצוקריכען. זיי וואָלטען וועלען פרעגען פראַגען. אָבער וועמען? די לעהרער—די זיינען דאָך גאָר ניט מענשליך; עפּעס אַזעלכע מאַשינען גאָר אָהן מענשליכע געפיהלען. די עלטערן? אָ, ניין, די ערשטע פראגע איז בעאַנטוואָרט געוואָרען מיט אַ געוויסען איבערצייגענדען תירוץ: אבער שאַנדע! אַזעלכע אונאַנשטענדיגע פראגען זאָלסטו ניט מעהר שטעלען!

די אינגלעך געפינען אַן אויסוועג: דורך אַ געהיימען וועג קריעגט איינער פון זיי אַ העסליכען אַבשייליכען בוך מיט

„מאַן און פרוי" איז פון די ביכער,
וועלכע ברענגען נוצען פאַר יעדען גאַנץ זיכער.

שמוציגע בילדער, וואו דער אמת ווערט בלויז ענטדעקט אין העלפט. אַ האַלבער אמת מיט פיעלע שמוציגע אָנצוהערעניסען פערדאַרבען די אינגלעך. די קינדער ווערען אַנדערש. זיי הערען אויף צו מאַכען זייערע לעקציאָנען, זיי קלייבען זיך צונויף, רעדן שמוציגע רייד, מאַכען עקעלהאַפטע בעמערקונגען ייעגען די מיידלעך אין סקול; צורייצען זייער יוגענדליכע מוחות מיט לײדענשאַפטליכע געדאַנקען. זיי ווערען פערדאָרבען אָהן ווער־ עס־ איז זאָל עס גאָר פערדאַכטען אָדער זיך קימערן וועגען דעם. זיי אַכטען ניט מעהר זייערע עלטערן, שוועסטער און געוועזענע פריינדינען, זיי רעדען פון די פערהעלטניסע צווישן מאַן און פרוי מיט אַ טייפלשען און העלישען שמייכעל אויף זייערע ליפען. צו די מיידלעך מאַכען זיי אָפט צוויי־זייטיגע בעמער־ קונגען, וועלכע די לעצטע פערשטעהען ניט. די פאָלגען פון דעם זיינען זעהר טרויעריג. פיעלע האַלטען ניט אויס די עקזאַמענס. אייניגע ווערען אַרויסגעטריבען פון סקול, און אַן אַנדערער בעגעהט זאָגאַר זעלבסטמאָרד. כמעט אַלע בעגעהן זעלבסטבעפריעדיגונג.

מיט די מיידלעך פאַסירט כמעט דאָס זעלבע, בלויז מיט דער אויסנאַהמע דאָס זיי געפינען גאָר ניט אויס און זיי בלייבען אין אונוויסענהייט. די מוטער האָט געזאָגט, דאָס אנשטענדיגע מיידלעך פרעגען ניט „אַזעלכע“ אונאַנשטענדיגע פראַגען, און זיי מוזען זיין צופריעדען. די 15 יאהריגע העלדין פון דער דראַמאַ טהוט איהר בעסטעס צו פאַטופּענען אין איהר מח, דאָס די יונגע קינדער ווערען געבראַכט פון בושעל, אבער וואָרום ווערט איהר פערהייראַטהע שוועסטער קראַנק אין בעט פאַר וואָכען לאַנג, נאָכדעם ווי דער בושעל ברענגט אַ קליין קינד, קען זי פאַר קיין פאַל ניט פערשטעהן. די מוטער וועט בייז ווערען, ווען מען וועט איהר פרעגען אַזעלכע קשיות. און ווי גערן וואָלט זי וועלען פרעגען פיעל זאַכען! וואַרום האָט איהר די מוטער געמאַכט אַזאַ לאַנגע קלייד מיט אַזאַ שלעפּע? וואָרום

יעדער קראַנקער אין דר. לאַנדעס הענד איז זיכער,
פיעלע נוצען ברענגען זיין צייטשריפט און ביכער.

זאָגט די מאַמאַ, דאָס עס פּאַסט ניט פאַר איהר מעהר ארומצו־ געהן באָרפּוס? וואָרום זאָגט איהר מאַמאַ, דאָס זי איז שוין א „פריילין“? וואָרום ווערען איהר די בריסטען גרעסער? וואָרום פיהלט זי זיך אזוי מאָדנע, דאָ לוסטיג, דאָ טרויעריג, דאָ וואָלט זי וועלען אַלעמען האַלזען און קושען, דאָ אַלעמען שלאָגען? וואָס בעדייטעט עס? וואָס איז די פליסיגקייט וואָס קומט ארויס פון איהר קערפּער שוין פאַר די לעצטע פּאָאר מאָנאט? וואָרום טרעפט עס יעדע 28 טעג, און וואָרום זאָגט מאַמאַ, דאָס מען דאַרף דערמיט ניט געהן צו געהן אַ דאָקטאָר? די קליינינקע קעפּעלע פון די אונשולדיגע נאַאיווע מיידעל ווערט אין גאַנצען צומישט.

איינמאָל טרעפט זי זיך מיט איינעם פון די אינגלעך פון סקול אין אַ וואַלד איינע אליין, קיינער איז ניטאָ פאַר מיילען ווייט. זיי רעדען איינע צו די אַנדערע פאַר אַ לענגערע צייט. דאָס מעגליכע האָט טאַקע פּאַסירט. דאָס געשלעכטליכע געפיהל האָט זיך ערוועקט אין ביידע, און ניט וויסענדיג וואָס זיי טהוען קומען זיי זיך צונויף. די קינדער צוגעהען זיך. דאָס מיידעל פערשטעהט נאָך אַלץ ניט, וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט. זי וויים בלויז, דאָס דער „יונגע“ האָט זיך ניט אויפגעפיהרט אנ־ שטענדיג, ער האָט איהר אַ קוש געטהאָן. מאַמאַ זאָגט, אז עס איז זעהר ניט פיין און ניט פּאַסיג. דער אינגעל וויים וואָס ער האָט געטהאָן, אבער ער פערשטעהט ניט ווי ערנסט די פאָלגע זוועלען זיין. אונגליקליכערווייזע ווערט דאָס קינד טראָגעדיג. אַ נייער לעבען ווערט פאָרמירט ביי איהר אונטער'ן האַרצען און זי וויים גאָר ניט דערפון. איהר מוטער פערדעכ־ טיגט קיין זאַך, און ווען זי זאָגט, דאָס זי איז קראַנק, ווערט זי געפיהרט צו אַ דאָקטאָר, וועלכער מאַכט די שרעקליכע ענט־ רעקונג צו דעם קינד'ס מוטער. די מוטער איז אַזוי ווי דער־ שלאָגען פון אַ דונער. קינד מיינס, שרייט זי אוים, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט, דו מיין ריין אונשולדיג טייבעלע. אבער,

היט זיך פון באַבסקע רפואות, פערלאָזט זיך ניט אויף אַ נס.
140 איסט 22טע סטריט איז דאָקטאָר לאַנדעס אַדרעס.

מאַמאַ, זאָגט דאָס אונגליקליכע קינד, וואָס איז מיט מיר, מוז איך שטאַרבען פון אזא קלייניגקייט ווי אַ בויך־וועהטאָג. אבער, קינד, שרייט אוים די מוטער, ווייסט דו דען נישט, דאָס דו געהסט ווערען מוטער צו אַ נייעם בעשעפעניש? אָ, מאַמאַ, דו מאַכסט דאָס שפּאַס, ווי קען איך מוטער ווערען; איך בין דאָך ניט פערהייראַט, און דער בושעל וועט דאָך מיר קיין קליין קינד ניט ברענגען.

די פאָלגען פון די אַלע פּאַסירונגען זיינען זעהר טרויעריג. די יונגע מוטער־שטאַרבט פריהצייטיג, אָהנע זאָגאַר פּאָלקאָם צו פערשטעהן וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט. דער יונגער פאטער ווערט פערטריעבען פון פאטער'ס הויז, זיין קאַריערע ווערט צובראָכען און ענדליך בעגעהט ער זעלבסטמאָרד אויפ'ן קבר פון זיין קרבן. די עלטערן זיינען פערונגליקט און ליידען שמערצען זייער גאנצען לעבען.

געוויס, דער אינהאַלט איז בלויז אין קורצען, און גיט בלויז איבער די הויפּט־שטריכען. אבער זיי זיינען אַזוי איינדרוקס־פאָל, דאָס זיי דאַרפען ניט פערפעהלען צו מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק אויף מוטערס און פאטערס פון קינדער. טאָמער האָט איהר פערפעהלט ביז יעצט זיי עפּעס דערצעהלען, דערצעהלט דעם אמת אזוי שנעל ווי מעגליך; געפינט אוים, אויב זיי האָבען ניט קיין שלעכטע געוואָהנהייטען, און אויב זיי האָבען, זעהט זיי אָבברעכען דערפון מיט דער הילפע פון אַן עהרליכען ספּעציאַליסט, וואָס האָט זיין גאַנצען לעבען געווידמעט דערצו.

די געשלעכטליכע אָרגאַנען פון דער פרוי זיינען אין גאנצען אנדערש ווי ביי דעם מאַן. זייערע אָרגאַנען זיינען כמעט אַלע אין קערפּער. די הויפּט־אָרגאַנען זיינען די „אווערייעס", צוויי אין צאָהל, געפינען זיך איינע אין די רעכטע און איינע אין די לינקע זייט. צווישען די „אווערריעס" געפינט זיך די מוטער־לייב, אָדער די געבורט־מוטער. די מוטערלייב איז אַרום דריי אינטשעס לאַנג און צוויי אינטשעס די דיק אין אַ פול־ענט־

לערנען און וויסען מאַכט דעם מענשען רייך,
דר. לאַנדעס ביכער זיינען געשריעבען פיר אייך.

וויקעלטע פרוי. די אלע דריי ארגאנען ווערען געהאלטען אין פאזיציאן דורך פערשיעדענע מוסקולען און פערשיעדענע קערפערטהיילען. די אווערים זיינען פעראייניגט דורך צוויי רעהרען, איינער אויף יעדע זייט, וועלכע ווערען גערופען „די רעהרען פון פאלאביוס“. דער רעהר, וועלכע ציהט זיך פון דעם מוטער־לייב צו דעם אויסערן טהייל פון קערפער, ווערט גערופען „וועדזשיינא“ און איז דער איינציגער טהייל פון די פרויען־געשלעכטליכע ארגאנען, וועלכער איז אויסען דעם קערפער. די אלע ארגאנען ענטוויקלען זיך אם בעסטען, ווען מען לאזט זיי צופריעדען, ווען מען ריהרט זיי ניט אן און מען טראכט גאר ניט פון זיי. פון געבורטסטאג ביז וואנען א מיידעל ווערט 12 אדער 14 יאהר, זיינען די ארגאנען אין שטילשטאנד. זיי האבען קיינע פונקציאנען צו פערפארמירען. ארום 12 אדער 14 יאהר פאנגט זיך אן דער פעריאד פון רייף ווערען, די געזינדסטע פיר דאס קינד, ווען עס פאנגט זיך ניט אן איידער עס איז פולע 14 יאהר. עס איז ניט קיין געפאהר אויב עס פאסירט אביסעל פריהער, אבער עס איז בעסער ווען עס נעהמט פלאץ צו דער ריכטיגער צייט.

דער אנקומען פון יענע צייט ווערט אנגעזאגט דורך פערשיעדענע סימפטאמען. די מיידעל פאנגט אן פיהלען שמערצען אין הינטערשטען טהייל פון רוקען, קאפשמערצען און פיעלע מאל שמערצען אין אנדערע טהיילען פון קערפער. צו יענער צייט ווערט רייף די ערשטע איי אין די אווריע. דאס איז דער ערשטער סיגנאל פון דער נאטור, דאס די קליינע מיידעלע ווערט פערוואנדעלט אין א פרוי. די קליינע אייעלע געהט אריין אין מוטער־לייב דורך איינעם פון די אויבענדערמאהנטע רעהרען, דער רעהר פון פאלאפיוס. דארטען בלייבט עס עטליכע טעג. ווען א פרוי איז פול ערוואקסען און די אייעלע קומט זיך צונויף מיט די זאמען פון א מאן ווערט בעשאפען א נייער לעבען. ווען די פרוי איז יונג, בלייבט עס אין מוטער־לייב און

דר. לאנדעס אדרעסע פערגעסט ניט,

עס איז אין 140 איסט 22טע סטריט.

געהט עס ארויס דורך די „וועדזשיינא“. די אנוועזענהייט פון די אייעלע אין מוטער־לייב רעגט אויף די ווענד פון מוטער־לייב, וועלכע גיט ארויס אַ פליסיגקייט געמישט מיט בלוט. די אייעלע מיט די פליסיגקייט פאָרמירען דאָס, וואָס ווערט גערופען די מאָנאַטליכע אויסגיסונגען אָדער „מענסעס“ (דאָס לאַטיינישע וואָרט פיר מאָנאַטען). יעדע 28 טעג פאַסירט עס, פון זייט אַ קינד ווערט 12 אָדער 14 יאָהר, ביז אַ פרוי ווערט 40 אָדער 50 יאָהר. די „מאָנאַטליכע“ זיינען אַ נאָרמאַלע ערשיינונג אין דער פרוי און איז ניט פערבונדען מיט קיינע געפאַהרען. די וועלכע האָבען זייער מאָנאַטליכע מיט שמערצען און ניט רעגולאַר, זאָלען נאָכפאָרשען זייער לעבענס־אַרט, זייער אויפפיהרונג און אַלעס וועט רעכט־געשטעלט ווערען מיט דעם ראַטה פון אַ גוטען דאָקטאָר, און פיעלע מאָל בלויז דורך אויפהערען צו טהון אַזעלכע זאַכען וואָס מען דאַרף ניט.

אַזוי שנעל ווי די איבערבייטונג פאַנגט אן צו נעהמען פלאַץ, פאַנגט זיך אויך אן צו בייטען דאָס קינד. די זייטען ווערען גרעסער און קריגען אַ שעהנערע פאָרמע, די פלייצעס ווערען ברייטער און מעהר ארונטערצו, די טאַליע ווערט ברייטער, די ברוסטען ווערען גרעסער, די הויט בעקומט גאָר אַן אנדער קאָליר, די האָאר ווערען דיקער, לענגער, שטאַרקער און גלאַנציגער, זאָגאַר די שטימע בייט זיך. אַ חוץ די קערפערליכע בייטונגען קען מען אויך בעמערקען גייסטיגע איבערבייטונגען. די יונגע פרוי פאַנגט אן צו נעהמען מעהר אינטערעס אין געזעלשאַפט, און ווערט ערנסטער. די אַלע צייכענס צייגען, דאָס דער געשלעכטליכער לעבען איז דער הויפט־פאַקטאָר וואָס בייט איבער די יונגע קינד אין אַ פאָלקאָמענע פרוי, דער בעוואוסטזיין פון געשלעכטליכען לעבען אין דער פרוי, אָהנע זי זאָל עס אַליין וויסען, מאַכט איהר צוציהענד און אינטערעסאַנט אין געזעלשאַפט. אפילו די העסליכע פרוי, ווען זי איז געשלעכטליך גוט ענטוויקעלט, ענטהאַלט אַ מיסטישען צויבער פאַר'ן מאַן, וואָס

„געזונד און לעבען“, דר. לאַנדעס זשורנאַל, איז געווידמעט צו היגיענע און ריינליכקייט.

איז פיעל שטאַרקער פון די שטוינענדע שעהנהייט פון פערפוצטע „פאפאקעס“, וועלכע זיינען ניט פאַלקאָם ענטוויקעלט.

צו דיעזען עלטער איז עס אם בעסטען, דאָס א מיידעל זאָל זיך פערטרויען צו איהר מוטער, איהר דערצעהלען וואָס מיט איהר פאַסירט. די מוטער דאַרף צו איהר ווערען א פריינד, אַלעס ערקלערען און איהר צייגען ווי זיך אויפצופיהרען, און ווי זיך צו בעגעהן מיט זיך. עס נעהמט שעהנע עטליכע יאָהר ביז וואנען א קליין מיידעלע ווערט פאַלקאָם ענטוויקעלט און פעהיג צו די וויכטיגע ראָלע פאַר וועלכע נאַטור האָט בעשאַפען די פרוי.

אַמאָל האָט מען געגלויבט, אז פרויען ליידען זעלטען פון די העסליכע געוואָהנהייט „זעלבסט־בעפריעדיגונג“. די נייע אויספאָרשונגען, אויך דר. לאַנדעס' ערפאַהרונגען, ווען ער איז געוועזען בעשעפטיגט אין די גרעסטע האָספיטעלער, צייגען עט־וואָס אנדערש. די פרויען זינ־יגען אויך געגען די נאַטור, און במעט אזוי אָפט ווי די מענער. די נאַטור בעשטראָפט די פרויען נאָך גרויזאַמער. דער קערפער־געבוי פון דער פרוי איז שוואַ־בער ווי דעם מאַנ'ס און די ווירקונג פון זעלבסט־בעפריעדיגונג איז שוידערליך אויף דעם עדעלע נערוועז־סיסטעם פון דער פרוי. זיי ווערען צובראָכען קערפערליך און גייסטיג און ווערען אויס מענשען.

דר. לאַנדעס בעהאַנדעלט די פראַגע אין איינצעלהייטען אין זיינע ביכער „די הייראַטה“, „זינד געגען די נאַטור“ און די אנדערע; דאָ וויל ער בלויז דערמאָנען, דאָס די שלעכטע געוואָהנהייט איז זעהר שעדליך פאַר דער פרוי. דאָס בעסטע איז, די געשלעכטס־אָרגאַנען ניט ריהרען, סיידען ווען זיי ווערען גערייניגט. זיך אנשטענדיג אויפפיהרען, לעזען גוטע, אנשטענדיגע ביכער, ניט האָבען קיינע ליידענשאַפטליכע געדאַנ־קען, ניט עסען קיין אויפרעגענדע שפייזען. די אויבענדערמאָהנ־טע אורזאַכען זיינען מייסטענס די שולד פון שלעכטע געוואָהנ־הייטען און אונגליקען.

פיערטער קאפיטעל.

ליעבע און אויסוואהל

ווארום שרייבט דר. לאנדעס וועגען ליעבע און חתונה האבען? וואס האט דאס צו טהון מיט די מעדיצינישע וויסענשאפט? וועגען דיעזע אלע אנגעלעגענהייטען ווערען דאך געשריעבען אזוי פיעל ראמאנען, נאוועלען און סקיצען. כמעט יעדע געשיכטע, וואס ווערט דערצעהלט פון די טויזענדע שרייבער אין די פערשיעדענע דיאלעקטען און שפראכען, האבען ליעבע און הייראטה אלס הויפט-טהעמא אדער זייטיגע. געוויס דאס איז ריכטיג. אבער, אז אפילו זיי וואלטען יא בעהאנדעלט די פראגען ריכטיג, וואלט אויך געוועזען ראטהזאם פאר א מענשען פון דער מעדיצינישער וועלט, מיט א קאלטבלוטיגע קאפ און פערשטאנד, צו באלאנסירען די אנזיכטען פון די ראמאניסטען. אבער ווי דער אמת איז, זיינען די אלע פראגען אין די נאוועלען בעהאנדעלט אויף א קינדערשען, איינזייטיגען אופן. ווען איינער פון די פיעלע ביכער רעדט וועגען ליעבע, מיינט עס אימער א געפיהל וואס האט גאר ניט קיין שייכות ניט מיט רעליגיאן, ראסע און „קאמאן סענס“. עס איז עטוואס, וואס קען ניט און זאל ניט קאנטראלירט און פערבויגען ווערען. עס דערמאהנט גאר ניט וואס א פרוי האט א רעכט צו פאדערען פון מאן, וואס אנבעלאנגט געזונדהייט, קערפערליכע און גייסטיגע ריינליכקייט. עס רעדט בלויז פון צוציהונגס-קראפט אהן קאנטראלע, אהן פליכטען, אהן פאדערונגען.

דיעזע אידעען דארפען און זאלען געביטען ווערען. הייראטען, איז א אינסטיטוציאן, וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין אנפאנג פון מענשענס היסטאריע און איז דער אולטימאטישער רעזולטאט פון „אויסקלייבען“. צו היינטיגע צייטען, זיינען די אפיציעל קלייבער די מענער, אבוואהל די פרויען גיבען זייער

דר. לאנדעס האלט אין פארבערייטען די ביכער „דער טייוועל“ און „די איסגעלאסענע וועלט“.

צושטימונג און פיליכט זיינען זיי שטאַרק אינסטרומענטאל אין ברענגען דערצו, דאָך זיינען זיי די, וואָס ווערען צוטומעלט, פער־שעהמען זיך, זאָגען צו יעדען הייראַטס־פאָרשלאַג: „אָ, עס איז אזוי פלוצלינג!“, אבוואָהל זיי האָבען עס ערוואַרטעט פאַר אַ לאַנגע צייט.

פערשיעדענע ראַסען, פערשיעדענע וועלט־טהיילען האָבען זייערע אייגענאַרטיגע מאַניערען אין „קלויבען“. די ווילדע קאַפירס אין אַפריקא זיינען פיעל פאָרטגעשריטענער פון מאַנכע אייראָפּעאישע לענדער. ביי זיי, אָבוואָהל די פרויען ווערען בעהאַנדעלט ווי שקלאַפען, מוזען טהון אַלע ארבייט פיר די מענער, האָבען זיי וועניגסטענס דאָס רעכט אויסצוקלייבען דעם מאַן וואָס זיי ווילען, און זיי קענען געהערען צו איהם, זעלבסט־פערשטענדליך, ווען ער איז אויך איינשטימיג. צו בעשטימטע צייטען פון יאָהר, קומען זיך צונויף די קאַפרען (פון זולו שבט) מיידלעך און יונגע לייטע. די יונגע לייטע לויפען רייסעס, פעכטען זיך מיט שווערדען, שיסען פון פיילען, איבערהויפט ציינען זיי די יונגע פרויען וואָס זיי קענען טהון. די יונגע פרויען שטעהען אָן אַ זייט און לאָזען די אויגען ניט אַרונטער. זיי קוקען זיך צו, אָן אורטהיילען אין געדאַנקען. ווען די גיימס זיינען פאַראיבער, געהען די פרויען צו יעדע צו אַ מאַן, וואָס זי דענקט אַלס דעם בעסטען און ווערט זיין פרוי און זיין שקלאַף. דאָס איז דאָס ערשטע און לעצטע מאָל אין לעבען וואָס זי האָט אויך אַ דעה צו זאָגען. אין איהר ווייטערדיגען לעבען קען זי נור טהון דאָס, וואָס דער מאַן הייסט איהר, און ער, געוועהנליך, לעגט ארויף אויף איהר אלע הויז־ און פעלד־ארבייט.

אין די ציוויליזירטע בולגאַריען און סערביען זיינען די פרויען אין פונקט אזא לאַגע ווי אין אפריקא ביי די קאַפערס. זיי טהוען אַלע שווערע הויז־ און פעלד־ארבייט. עס ווערט זאָגאַר דערצעהלט, דאָס מענער אקערען מיט זיי די ערד. אבער זיי האָבען אפילו ניט דעם פערגניגען איין מאָל אין לעבען צו

„טהרת המשפחה“, די „הייראַטה“ און אנדערע ביכער
פון דאָקטאָר לאַנדעס ווערען אייך בילדען זיבער.

זאָגען אַ דעה. זיי ווערען געקויפט ביי זייערע מענער, און פיעלע מאָל זעהען זיי זייערע מענער צום ערשטען מאָל נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין פערקויפט.

אין בענגאַל, איסט אינדיא, האָבען זיי מענשען וואָס זיינען אימער בעשעפטיגט מיט מאַכען „מעטשעס“. שדכנים טרייבען דאָרטען גרויסע געשעפטען. מיידלעך און אינגלעך ווערען דאָרטען פערהייראַטה אין דעם עלטער פון 7 יאהר אָן. אַן עלף־יעהריגע מיידעל ווערט פעררעכענט פאַר אַן אלטע „מויד“. די עלטערן טהוען דאָרט די שידוכים פאַר די קינדער, וועלכע פיעל מאָל זעהען ניט איינס דאָס אנדערע פאַר עטליכע יאהר נאָך דער חתונה.*

אין ספּאַרטא, די בעריהמטע רעפּובליק פון גריעכענלאַנד, וועלכע האָט אונטער ליקורגוס געזעצען געהאט די פיינסטע אָרדנונג צו יענער צייט, פלעגט די רעגיערונג בעשטימען די פּאָארלעך וועלכע זאָלען הייראַטהען. די רעגיערונג האָט געוואָלט האָבען געזונדע, פאָלקאָמענע בירגער, און האָט דעריבער געהאַלטען דעם ריכטיגען „קלייבען“ און „פּאָארען“־זיך אַלס איינע פון די רעגיערונגס־פליכטען.

ביי דאס אידישע פאָלק, צו היינטיגען טאָג נעהמען פּלאַטץ די אוננאָרמאַלסטע ערשיינונגען וואס אנבעטראַכט הייראַטהען. ביי וועלכע נאָך פאָלק גיט עס אזוי פיעל עגונות און ניט גליכע פּאארען? וואָרום הייראַטה אַ איד? אַ איד הייראַטה צוליעב ביזנעס, צוליעב תכלית, צוליעב יחוס, צוליעב נדן. עס איז אמת, דאס אנדערע אידען דא אין אַמעריקאַ מענטשלען זיך בישלאַכוויים אויס, אבער ווי הייראַטהען די הונדערטע טויזענדער אידען פון רוסלאַנד, גאַליציען, רומעניען און די וואס זיינען ערשט אַריבערגעקומען? אַ שדכן, געהט, לויפט, און ברייננט צונויף „אַ וואַנט מיט אַ וואַנט“. אַבי מען גלייכט זיך אויס מיט געלד, יחוס, און תכלית. מיר טהוען פונקט דאָס זעלבע וואָס

זיינען שוואַך די נערוועז און געהירען?
דר. לאַנדעס גיט זיי קראַפט צו רעגיערען.

די ווילדע אינדיאנער טהוען אין בענגאל. די ערשטע פראגע וואס א יונגער מאן פרעגט איז „וויפיעל געלד האט זי"?

די אידישע מיידלאך, איבערהויפט די אריבערגעקומענע, וועמען עס איז שווער גענוג צו מאכען א לעבען אזוי, מוז זיי נאך דארען די קאפ צוליעב נדן. פעני ביי פעני קלייבען זיי, ברויט און וואסער עסען זיי אבי נדן האבען. ווען די צייט קומט צו ווערען פרוי און נאכדעם מוטער, איז זי אויסגעמוטשעט, אויסגעהארעוועט, און קען ניט ערפילען איהרע פליכטען. אזא לעבען קען ניט זיין גליקליך! דאס איז איינע פון די אורזאכען וואס אונזערע אידישע פרויען זיינען זייער אפטע געסט אין כמעט אלע דיספענסערים און האספיטאלס.

און דאך ניט אימער איז עס אזוי געוועזען. אונזערע חכמים און תנאים האבען אנדערש געטראכט און זיך אויסגעדריקט. רבא בר רב האט געזאגט; „כל הנושא אשה לשם ממון הוים לו בנים שאנים מהוגנים"—ווער עס נעהמט א פרוי צוליעב געלד, האט ניט קיין ארענטליכע קינדער. נאך איין תנא דריקט זיך אויס; „שלשה דברים מרחיבים דעתו של אדם, דירה נאה, ואשה נאה וכלים נאים"—דריי זאכען מאכען א מענשען'ס לעבען צופריעדען: א שעהנע דירה, א שעהנע פרוי און שעהנע זאכען אין הויז.

אנאנדער תנא זאגט אז די גרעסטע מעלה פון א פרוי איז איהר שעהנקייט.

ווען אונזער פאלק האט געלעבט אין ארץ ישראל „תחת גפנו ותחת תאינתו" האבען מיר געהאט אנדערע זיטען, אונזער דאנסטיגע סיסטעם איז געווען די אידעאלע, נארמאלע וועג פון „קלייבען". ביי אונז האבעןביידע געקליבען. קיינע עלטערען, קיינע שדכנים, האבען געהאט דאביי צו זאגען. אין מסכתא תענית, אין פרק „שלשה פרקים" ווערט עס זעהר דייטליך און קלאהר בעשריבען. דער פופצענטער טאג פון אב און יום הכפורים זיינען געווען די טעג וועלכע די אידישע

140 איסט 22טע סטריט איז דאקטאר לאנדעס אדרעס, דורך עלעקטרישע בעהאנדלונג מאכט ער פיעל פראגרעס.

יוגענד פלעגט ערוואַרטען מיט אומגעדולד. זיי זיינען געווען די טעג פון נאָרמאַלען און נאַטירליכען טרעפען און פּאָארען זיך. דורכ'ן יאהר זיינען אללע געוועזען פערנומען מיט פעלד און הויז אַרבייט; קיין שדכנים האָבען צו יענע פערניפטיגע און דעמאָקראַטישע עפּאָכע, ניט עקזיסטירט. אבער אין די צוויי טעג פלעגט די יוגענד זיין פריי פון אַרבייט און זאָרג. אַללע פלעגען זיין פריי—רייך און אָרעם, שעהן און מיאוס, דער רייכער און דער ארבייטער. קיין אונטערשייד ווער איינער איז געוועזען. אַלע פלעגען זיך פיין פערברייננען די טעג אין זינגען, טאַנצען און שפּילען. יום כפור, דעם טאג וואס דער כהן גדול פלעגט זיין ביי דער "עבודה און ברענגען קרבנות, דעם איינציגען מאהל אין יאהר וואס ער פלעגט אריינגעהן אין „קודש הקדשים"; אין דעם טאג וואס דער כהן גדול, די כהנים און לווים האבען געבעטען גאט מוחל זיין דאס אידעש'ן פאלק זיינע עבירות, פלעגט די אידישע יוגענד, א געזונדטע, מונטערע יוגענד, אַ יוגענד מיט א קלאהרע קאָפּ און ריינע געדאנקען געהן אין די וויינגערטער זוכען זייערע בעשעהרטע. די אידישע טעכטער, אַלע שעהן, אַלע צוויבערנד, מיט נאַטירליכע שעהנקייט, וועלכע קומט פון געזונדען נאַטור-לעבען, ריינע געדאנקען און צניעות. אַלע אָנגעטהון אין ווייסע קליידער, אַלע אָנגעטהון גלייך; קיינע ציערונגען, קיינע שמונק; אַלע זיינען זיי געוועזען אין די וויינגערטער זינגענדיג און טאַנצענדיג. אזוי דעמאָקראַטיש און פּאָרזיכטיג זיינען געוועזען אונזערע אור-עלטערען, דאס קיין פרוי האָט געמעגט מאַכען איהר אייגענע ווייסע קלייד; ס'האט געמוזט אנטליהען ווערען פון אַנאַנדערע. אַלע קליידער זיינען געוועזען געליהענע און אַלע האָבען געמוזט געוואַשען ווערען, אום ניט צו פערשעהמען די אָרעמע, וועלכע האָבען אפשר ניט געקענט האָבען זייערע געוואשען. אין דיזעלבע קליידער זיינען אַלע געוועזען גלייך. דעם כהן גדול'ס טאָכטער, איז געוועזען די זעלבע ווי דעם

פּאַסטוף׳ס טאָכטער, דעם קעניגס טאָכטער דיזעלבע געקלייידעט ווי דעם אָרעמען לאַנד בעזיצער׳ס טאָכטער. די יונגע לייט האָבען ניט געוואוסט פון דעם פערמעגען פון די מיידלאָך. בלויז די פּערזענליכקייט, די אינדיווידועלע צוציהונגס קראַפט, זייער שכל און פערברענגען מיט די יונגע לייט האָט געהאַט צו בעשטימען אין אויסוואַהל פון די יונגע לייט.

נור אויף זייער איינענע, פּערזענליכע איינדריקע פלעגט זיך דער אַמאַליגער אידישער יוגענד פּאַארען. און עס איז גאָר קיין וואנדער, וואס דאס אידישע פּאַמיליען לעבען איז אימער צו געווען א משל צווישען די אומות העולם. די טהרת המשפחה, די אייניגקייט און אָפּפערוויליגקייט פון מאַן און פרוי זיינען אימער געווען די בעניידונג פון די גאַנצע וועלט. נור אזא פּאַארען זיך האָט געגעבען אונזער פאָלק די אייזערנע פונדאַמענטען, אויף די באַזיס׳ן פון וועלכע מיר עקזיסטירען נאָך עד היום, טראָץ דעם וואָס מיר בעגעהען פערברעכענס געגען זיי די לעצטע הונדערטע יאהרען.

אונזער תורה, אונזער תלמוד, אונזערע פערשידענע ספרים, זאָגען פיעל בערינפּטיגעס וועגען אלעם וואס אנגעהערט צו הלכות נשים, וועגען הייראטהען, וועגען ליעבע, וועגען פערלאָבט ווערען, אַלעם אינטערעסאנט, וויסענשאַפטליך, בעלעהרענד; אָבער היינטיגע צייטען, אין דער וועלט פון האַנדעל און וואַנדעל, ווער לערנט די ספרים, און ווער פאָלגט זיי? עס איז ניט דאָ ניט קיין צייט און ליידער ניט פיעלע פערשטעהען די שפּראַך פון אונזערע עלטערען. דר. לאַנדעס ברייננט צו יעדער געלעגענהייט די מיינונגען פון אונזערע אלטע חכמים. ער האָט ליעב צו קריגען וויסענשאַפט און לעהרע פון יעדען קוואַל. ער גלויבט שטאַרק אין „מכל מלמדי השכלתי“—פון אלע מיינע לעהרער לערן איך עפּעס. אונגלויבליך ווי עס זעהט אויס זיינען מיר אלס פאָלק געווען מעהר פערניפטיגער און דעמאָקראַטישער מיט יאהרען צוריק. אונ־

מענער־קראַנקהייטען קומען ניט פון בייזע גייסטער.
דר. לאַנדעס זיי אויסקורירען איז א מייסטער.

זער סיסטעם פון „פּאארען זיך“ האָט געמעגט זיין אַ מאָדעל פיר אונזערע צייטען. אַלעס איז געקומען נאָך׳ן פרייען ווילען. ליעבע איז געווען דער גרונד־שטיין פון הייראטהען. די לעבערליכע סיסטעמע פון שדוכים, וואו ניט גלייכע מענשען ווערען צונויפגעבראַכט צוליעב ביזנעס, געלד אָדער יחוס, דאַרף פעראַכטעט און פערשפּאָטעט ווערען פון יעדען רעכט דייגקענדעם מענשען.

דער פּאארען זיך פון מענשען דורך דיינע מאַטיוועו, דיינע געדאַנקען, ליידענשאַפט געפיהרט און קאָנטראָלירט פון ריינע ליעבע, דאס האט אויפגעבויט די פעסטונגען, וועלכע האָבען אויפגעהאַלטען אונזער פאָלק אין די שווערע, לאַנגע גלות יאהרען.

געוויס, זיי זיינען געווען נאָרמאַלע מענשען, געלעבט אונטער נאָרמאַלע בעדינגונגען, אויך זייערע לוסטען זיינען געווען נאָרמאַלע. דער לעבען אין פרייען נאַטור האָט זיי געהאַלטען אזוי ריין און זויבער ווי די פויגעל פון הימעל און חיות פון וואַלד.

דאָ געפינט דר. לאַנדעס אַ געלעגענהייט אויפמערקזאם צו מאַכען די אידישע יונגע לייט און מענער. יונגע לייט און מענער! אין אייערע הענד ליעגט די צוקונפט פון די קומענדע דורות. אידישע פרויען זיינען געווען און זיינען נאָך יעצט דער וואונדער פון דער גאַנצער וועלט מיט זייער צניעות און בעשיידענהייט. די אידישע יונגע מענער, זיי האָבען זיך לויז געלאָזען די לעצטע יאהרען. עס איז טרויעריג גענוג, ווען יונגע לייטע ווערען פערדאָרבען, געהען אין שאַנדע־פלעצער, פערשמוצען און רואינירען זיך, מאַכען אַ תל פון זיך; אָבער וויפיעל טרויעריגער איז עס נאָך, ווען דיזעלבע יונגע לייט הייראַטען און פערגיפטען? ...

דר. לאַנדעס אָפּיס איז 140 א. 22טע סטריט.
זיין ראַטה איז פריי. קומט איהם זעהען.

פרויען, אידישע מיידלעך ! גיט בקויז אן ערעלען אנצוהערע
אייער צוקינפטיגען מאן און בעסטען פריינד, דאס א ראטה
א גוטען דאקטאר, א ספעציאליסט, וואס ווייסט אלעס וו
מען דארף וויסען אין די אנגעלעגנהייטען, און זאגט דעם א
אימערצו, איז ווערט מעהר ווי אלעס אין דער וועלט. זע
דאס איהר קריעגט אן הסכמה צו אייער הייראטה. „איין שנ
אין דער צייט פערשפארט ניין געוואלט־ריסען שפעטער אה

דר. לאנדעס׳ אפפיס,

140 איסט 22טע סטריט

ניער לעקסינגטאן עוועניו

ניו יארק

אפפיס־שטונדען : { פון 10 פריה ביז 8 אבענדס
זונטאג פון 10 ביז 4.

ראטה פריי.

דר. לאנדעס בוך

„דיא אויסגעלאסענע וועלט"

וועט קירצליך ערשיינען.

וועט ערשיינען

17־טער בוך.



פינפטער קאפיטעל.

הייראטה און געזונדהייט

ווער זאל און מעג הייראטהען? ווען דארף מען הייראַ
והען? ווער דארף זיך פּאָארען מיט ועמען? וואָס איז
ייראטהען? ווארום דארף מען הייראטהען? דיעזע און נאָך
נדערע פראגען קענען בעהאנדעלט ווערען פון פערשיעדענע
וטאנדפונקטען. דר. לאַנדעס בעהאנדעלט דיעזע פראגען פון
ועדיצינישע, פיזיאָלאָגישע און עקאָנאָמישע אויסזיכטען. און
יעזע זיינען די וויכטיגסטע און אינטערעסאנטעסטע פיר מענ־
זען אין אלטעגליכען לעבען. דר. לאנדעס וויל איך, ווערטהע
עזער, אויפמערקזאם מאכען, דאָס אלעס וואָס דאָ ווערט
עשריעבען איז ניט פיר מענער פון וויסענשאפט, עס זאָל
ליבען אין ביכער פאר „רעפערענס"; ניין, אלעס ווערט דאָ
עשריעבען, אום עס זאָל אריינדרינגען אין אייערע קעפּ און
ערצער, און מאכען פון אייך פערנינפטיגערע, געזינטערע,
עסערע מענשען.

הייראטהען, אָדער אין אנדערע ווערטער, דער צוזאמענ־
ומען פון די געשלעכטער זיך צו פערמעהרען און רעפּראָדוצי־
יען, איז פונדאמענטאל און אוניווערסאל אין אלע אבטהיילונ־
ען פון לעבען. עס עקזיסטירט אין אלע הויכע לעבענס־פאָרמען
ון אויך אין די ניעדריגסטע. אָהן „הייראטה" וואָלט ניט געוועז
יין לעבען און קיין פערמעהרונג.

ליכט און ווארמקייט קומעןביידע פון דער זון. ווען זי
יידע פעראייניגען זיך, וואונדערבאר איז זייער פּראָדוקט!
י ערלעבונג פון אלעם אין דער נאטור איז דער רעזולטאט
ישט נור די לעבעדיגע בעשעפּעניסען, זאָגאר די גרינסען אי
לע פארמען פון לעבען צוטהיילען זיך אין צוויי קלאסען אָדע
עשלעכטער—מענליכעס און ווייבליכעס. דיעזע צוויי קלאסען

ודער זייערע פּראָדוקטען, מוזען זיך פּעראייניגען אום ארויסצו־
רענגען אַ דריטעס. די קאָמבינאַציאָן פון צוויי קרעפטען איז
ימער נויטווענדיג אום ארויסצוברענגען עטוואָס נייעס.

אַלזאָ, פערמעהרונג איז דער הויפּט און כמעט דער איינ־
ניגער מאָטיוו פון פעראייניגונג ביי חיות און אַלע אנדערע
אָרמען פון לעבען. ביי מענשען, דער „בחיר היצירה" (דער
ועניג פון אַלע געשעפענישען), זיינען דאָ פיעלע אנדערע אור־
אַכען דערצו. פון הייראַטה ענטנעהמט די רעגיערונג און ציווי־
ליזאַציאָן זייער נאַהרונג און קראַפט. עס פערשאַפט דעם
מענשען אַ העלפער, אַ קאַמעראַד און פריינד אין לעבען. עס
איז אויך דער געזעצליכער און מאָראַלער וועג צופריעדענצו־
שטעלען ליעבע און ליידענשאַפט. ליידענשאַפט איז דער געפיהל
פון צופריעדענשטעלען די „חיה" אין מענשען; ליעבע איז
ער טהייל פון גאָט און מענשען, וועלכע זאָל אין נאָרמאַל־
געזונדען, גייסטיג ענטוויקעלטען מענשען קאָנטראָלירען די
ליידענשאַפט.

ווער דאַרף זיך „פּאָארען" מיט וועמען? די ערשטע קאָנ־
יציאָן דאַרף און זאָל זיין ליעבע. וויסענשאַפט האָט בעוויעזען,
אָס קינדער, וואָס קומען ארויס פון אַזעלכע פערבינדונגען,
יינען פאָלקאָם געזונד קערפּערליך און פאָלקאָם ענטוויקעלט
יסטיג. נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט איז געווען דער זוהן פון
לטערן, וועלכע האָבען איינער דעם אנדערען שטאַרק געליעבט.
מען מוז אבער זיין זעהר פאָרזיכטיג ניט צו מישען ליידענשאַפט
מיט ליעבע.

פיעלע מאָל, יונגע מענשען, בעאיינפלוסט פון ליידענשאַפט
און פון די נאָוועלען, וועלכע זיי האָבען געלעזען, זאָגען „איך
ין פערליעבט". וואָס מיינט עס? מיינט עס, אז איהר האָט
עפונען אַ מאַן אָדער אַ פרוי מיט וועמען איהר דענקט איהר
ועט קענען לעבען צוזאַמען, אָדער איהר האָט געפונען אַ מענשען
זהן וועמען איהר וועט ניט קענען לעבען? געפעלט אייך דער

הר. לאַנדעס „געזונד און לעבען" דאַרף יעדער לעזען.

שטייגער, ווי איהר ווערט געליעבט, זייט איהר אין ליעבע מיט ליעבע זעלבסט (ווי עס פאסירט אפט מיט יונגע מענשען), אדער איהר ליעבט דעם מענשען. ווען איהר זייט זיכער, דאס איהר האט ליעב דעם מענשען, ניט עטוואס אנדערש, דאן ערשט קענט איהר זאגען, דאס איהר זייט פערליעבט.

ווען איהר געהט ארום מיט א מאן, אדער פרוי, פאר א לענגערע צייט און געפינט אוים שלעכטס אין זיי, אדער איהר דענקט איהר וועט זיך ניט פערטראגען, האט קיין מאל קיין מורא צו ברעכען די ענגיידזשמענט. זאל אייך ניט ארען וואס מען וועט זאגען. יעדע צובראכענע פערלאבונג מיינט מיט א גט ווייניגער, געוויס, מיט איין טריבען, אונגליקליכען לעבען ווייניגער.

חתונה האבען איז זעהר אן ערנסטע זאך. איידער א מענש טהוט עס, זאל ער פיעל איבערטראכטען. דער הויפטפונקט איז, די אויסוואהל זאל זיין א פרייווויליגע פון ביידע צדדים, מיטגעהאלפען פון פערשטאנד. די מעדיצינישע וויסענשאפט און די עקאנאמישע וויסענשאפט גלויבט ניט די, וואס זאגען, דאס פריהער דארף מען הייראטהען און ליעבע קומט שוין נאכ־הער. בלויז ליידענשאפט קומט אבער געהט שנעל פאראיבער, און מיטלייד פערדיענט דער מאן אדער די פרוי וועלכע טראכ־טער ביי זיך אין דער שטילקייט פון דער נאכט: מיין חבר אין לעבען איז בלויז א „פרויענצימער“ אדער בלויז א „מאנס־פערזאן“. קיין אנדער זאך, אויסער דער געשלעכטליכער אינ־סטינגט פערבינדט זיי ניט. פעראייניגט אייך ניט מיט פרויען, וועלכע איהר ליעבט בלויז צוליעב געלד. אמת, אונזער וועלט האט אימער געליטען פון „געלד־משוגעת“, אבער צו קיין צייט ניט אזוי שטארק ווי צו אונזערע צייטען. די געלד־זוכעניס עפידעמיע איז די אורזאכע פון פיעלע ניט־גליכע פאארען און צושטערטע לעבענס. דורכשניטליך האבען געגענזייטיגע טיפען אנציהונגס־קראפט פיר דעם אנדערען: בלאנדע ציהט צו

דורך ערנסטע ארבייט האט דר. לאנדעס זיין סוקסעס.
140 איסט 22טע סטריט איז זיין אפיס און אדרעס.

ברונעטע, און פערקעהרט; גרויסע, שטארקע מענער ווערען צוגעצויגען צו קליינע, עדעלע פרויען; הויכע, דיקע פרויען, ווערען מייסטענס צוגעצויגען צו קליינע, דארע מענער א. ז. וו. פיעלע מאל ווערען מענשען צוגעצויגען איינער צום אנדערען, אהנע עס זאל זיין מעגליך צו ערקלערען, אויסער די „מיסטישע נייגונג" וועלכע איז אבהענגיג אין דערהויפט נאך אונבעוואוסטע אורזאכען. וויפיעל מאל האט איהר אליין געזעהן, ווי א וואונדער־שעהנע פרוי האט געהייראטהע א העסליכען מאן אדער פערקעהרט. אבער אלס דורכשניט ווערען געגענזייטיגע טיפען און כאראקטערען צוגעצויגען.

אויב אלע אנדערע פארדערונגען זיינען צופריעדענשטעלענד דער אידעאלער עלטער פיר הייראטהען, איז פון 25 ביז 35 פיר א מאן, און פון 18 ביז 25 פיר א פרוי. א פרוי זאל אימער זיין א פאאר יאהר אינגער פונ'ם מאן. א פרוי ווערט שנעלער עלטער פון דעם מאן און פערליערט איהר רעפראדוקציאנס־קראפט שנעלער ווי דער מאן. זעלטען ווען א פרוי קען שוואנגערען נאכ 45 יאהר, אבער עס גיעבט פיעלע מענער וועלכע האבען נאך מענערקראפט צו 75 יאהר און זאגאר צו 80 יאהר.

די ריכטיגע עלטער צו הייראטהען איז ווען מאן און פרוי זיינען „רייף" און אין בעסטער קראפט. די אויבענדערמאהנטע עלטערן האלטען כמעט אוים ריכטיג פיר די מעהרסטע מענשען. פון אזא פערבאנד קומען ארוים די געזינדסטע און קליגסטע קינדער.

א נויטיגע און וויכטיגע ווארנונג איז צו קומען אין קאמפאניע און זעהען וואס מעהר פרויען און מענער, איידער מען בעשליסט זיך מיט וועמען־עס־איז צו הייראטהען. די בעסטע מעטאדע איז איבערלעגען זיך, איבערלעגען זיך און ערשט דאן זיך נאך אמאל איבערלעגען.

פון וואנען נעהמען זיך אויף דער איסט סייד אזוי פיעל

דר. לאנדעס וועט באלד ארויסגעבען די איבערזעצונג פון „דעמעדזשד גודס", די וואונדער־דראמא.

„ענונות“? איז עס ניט דער רעזולטאַט פון ניט זעהען געננג פרויען און ניט גענוג איבערלעגען זיך איידער מען הייראַטה? שטעלט זיך פאָר אין רוסלאַנד, גאַליציען אדער רומעניען, אין אַ קליינע שטעדטעל, וואו אַ מאַן האָט בלויז געקענט זיך אויס־קלייבען איינע פון אַ בעגרענצטער צאָהל מיידלעך, איז געווען צופריעדען ביז ער איז געקומען אין די גרויסע וועלט, און ערשט דאַן געזעהען דאָס עס גיבט אנדערע פרויען אַ חוץ די פאָאר מיידלעך וואָס ער האָט אַמאָל געקענט.

דאָ געפינט דר. לאַנדעס אַ געלעגענהייט צו מאַכען אַ גוטען פאָרשלאַג פיר איינעם פון אונזערע רייכע פילאַנטראָפען. אַמאָל פלעגט אונזער יוגענד זיך צוזאַמענטרעפען אין וויינגערטנער, אין דער פרייער לופט, זיך צו פאָארען, יעצט, אז מיר וואָהנען אין שטעדט, דאַרפען געמאַכט ווערען אָפטע מיטינגס פון יונגע מענשען, וואו זיי זאָלען קענען זיך טרעפען און בעקאַנטשאַפט שליסען. די רייכע און אָרעמע דאַרפען צוזאַמענקומען און קלייבען נאָך זייער הערצענס־וואונש. די רייכע אידען ליידען פונקט אַזוי פיעל פון די „שדכנים־מכה“ ווי די אָרעמע. די שדכנים ווייסען אַלעס, אָדער זיי דענקען זיי ווייסען, פאַר דער חתונה. די טרויעריגע פאָלגען פון ניט־גלייכע פאָארלעך, ווייס בלויז דר. לאַנדעס דורך די טרויעריגע פעלע, וועלכע קומען צו זיין אָפיס פאַר בעהאַנדלונג. מיטינגען פון פערשיעדענע שיכטען פון געזעלשאַפט אונטער אנשטענדיגע און פיינע אומ־שטענדען וואָלט פיעל גוטעס אויפגעטהאָן.

געזונדהייט איז דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין אַ ריכטי־גער הייראַטה: מענער און פרויען ווען זיי הייראַטהען, דאַרפען הייראַטהען ניט נור צוליעב זיך אַליין, נור אויך צוליעב די צוקינפטיגע דורות. ניט פאָלקאָמען געזונדע מענשען, ווען זיי פעראייניגען זיך אָהן אַ קאָמפעטענטען מעדיצינישען ראַטה, מאַכען פאר זיך, און דער וועלט אין אלגעמיין, זעהר פיעל שאדען. פעהלערען ווערען איבערגעגעבען בירושה

וואָס זיינען די בעסטע צעהן זאַכען אין דער וועלט? — דר. לאַנדעס צעהן ביכער וועגען טהרת הגוף והמשפחה.

זיינען איבערצייגט געוואָרען דורך עקספּערימענטען און פיעלע בעוואוסטע פאַקטען אין חיות. עס איז איבערצייגט געוואָרען, דאָס פערד, וועלכע ווערען געבאָרען פון אַ „פאָטער“ וואָס איז געוועזען געניייגט צו אַ געוויסע קראַנקהייט, האָט איבערגעגעבען די קראַנקהייט צו אַכט—ניין קומענדע דורות.

ציצעראָ זאָגט: „וואָס אַ מענש איז געזונדער, אַלץ נאָהענטער איז ער צו גאָט“. און צו קיין צייט דאַרף אַ מענש זיין מעהר געזינדטער ווי צו דער צייט ווען ער פערבינדט זיך אום צו טהון זיינע פליכטען פאַר זיך און זיין געליעבטע און פאַר דער וועלט.

מאַן און פרוי, וועלכע האָבען אַ נייגונג, אפילו אַ לייכטע, צו דערזעלבער קראַנקהייט, טאָרען פאַר קיין פאַל ניט הייראַטהען. זייערע קינדער וועלען כמעט אין די מעהרסטע פעלע ירשה׳נען די קראַנקהייט, און אין אַ שטרענגער פאָרמע. די מעדיצין האָט פיעלע בעווייזע דערצו. אַ קינד איז ניט מעהר ווי אַ סך הכל פון די מעלות און חסרונות וואָס די עלטערן אָדער אורעלטערן בעזיצען. פעהלער און שלאַפקייטען ווערען פיעלע מאָל געהיילט, ווען איינער פון די פּאָאר גיבט איבער בירושה מעלות שטאַרק גענוג בייצוקומען דעם אַנדערענס חסרונות.

דר. לאַנדעס ראַטה דאַריבער און וואָרנט זעהר שטאַרק, ניט צו הייראַטהען קיינע קרובים און אייגענע. צו מעהרסטע צייטען גיעבט עס אַ געוויסע שוואַכקייט, וועלכע איז די אייגענשאַפט פון דער פאַמיליע. ווען נייע בלוט ווערט אַריינגעבראַכט אין דער פאַמיליע, טרייבט עס ארויס און פעריאָגט דעם פעהלער. אַמעריקאנער, ווי זיי מעגען ניט גלייכען די אָנגעקומענע „גריינע“, מעגען אָבער וויסען, דאָס דער גאַנצער ערפאָלג פון לאַנד, איז דער „פּועל יוצא“ פון די נייע, פרעמדע בלוטען. ווען די אַמעריקאנער מיליאָנערען וואָלטען ניט צייטענווייז געהייראַט מיט אַקטריסעס, דיענסטמיידלעך און טייפּרייטערינס, וועלכע שטאַמען פון געזונדע ארבייטסלייטע, וואָלט פון זיי שוין

די נערוועץ פון מענשען האָבען אַ טעלעגראַף־סיסטעם,

דר. לאַנדעס בעהאַנדלונג איז גוט און בעקוועם.

לאַנג קיין שריד ופליט ניט געבליבען. הייראַטהען אייגענע איז זעהר ניט ראַטהזאַם. אונזער תורה רעדט אויך זעהר פיעל דאַגעגען.

דר. לאַנדעס געדענקט פיעלע פעלע פון זיין פראַקטיס. איבערהויפט איז קלאָר אין זיין זכרון איין פאַל, וועלכען ער וויל אייך דאָ איבערגעבען. די הייראַטה איז אפילו ניט געוועזען אוים ליעבע, בלויז אַלס גוטע חשבונות. אַ יונגער מאַן, אַ גאַנץ קלוגער און וואוילער געשעפטסמאַן, איז געקומען צו איהם אין אָפיס פאַר אונטערזוכונג. ער האָט געזאָגט, ער געהט הייראַטהען, און ווייל ער איז ניט געוועזען קיין „קדוש“ ביז יעצט, וואָלט ער וועלען דער דאָקטאָר זאָל איהם אונטערזוכען. דר. לאַנדעס האָט איהם אונטערזוכט און איהם געפונען פאָלקאָם, אַ חוץ אַ ביסעל נערוועז, וואָס פאַסירט זעהר אָפט מיט יונגע לייט. דר. לאַנדעס האָט איהם דאפיר בעהאַנדעלט, און איהם רעכט־געשטעלט. דורך די וויזיטען און געשפרעכען מיט'ן דאָקטאָר, האָט דער יונגערמאַן זיך ארויסגערעדט, דאָס זיין רייכער אָנקעל האָט איהם געראטהען, און כמעט געהייסען הייראַטהען מיט די מיידעל, זיינע אַ שוועסטער־קינד, אַ סקול־טיטשערין. ער האָט געפרעגט דעם דאָקטאָר, וואָס ער דענקט דערפון. דאָקטאָר לאַנדעס האָט איהם געזאָגט, אַז קיין געוויסענהאַפטער דאָקטאָר קען ניט זאָגען פאַר געוויס, וואָס עס וועט פאַסירען, אבער ער קען זאָגען וואָס עס קען פאַסירען. ווען איך בין איהר, וואָלט איך איהר ניט געהייראַטה. איהר זייט נערוועז, אייער פרוי איז נערוועז, עס לויפט אין די משפחה, איך האָב מורא, דאָס אונטער די אומשטענדען וועט אייער קינד זיין זעהר נערוועז. דער יונגערמאַן, ווי געוועהנליך דער מנהג איז מיט אַלע מענשען, און איבערהויפט אידען, צו טהון ווי זיי געפעלט נאָכדעם ווי זיי פרעגען אַן עצה, האָט חתונה געהאַט מיט די מיידעל. אין זעקס אָדער זיעבען יאהר שפעטער איז דער מאַן ווידער געוועזען אין זיין אָפיס מיט אַ קינד וואָס איז געוועזען

דר. לאַנדעס איז גרויס אין שרייבען;
אויך קראַנקהייטען קען ער זיכער פערטרייבען.

זעהר נערוועז. דר. לאַנדעס, וועלכער בעהאַנדעלט קיינע קינ־דער, האָט איהם אָבגעשיקט צו אַ קינדער־ספּעציאַליסט, וועלכער האָט דאָס קינד אויסגעהיילט מיט גרויס מיה. דער פאַל האָט געמאַט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף דר. לאַנדעס עד היום, דערי־בער דערצעהלט ער איך דאָ די געשיכטע.

דר. לאַנדעס' אָפפיס,

140 איסט 22טע סטריט

ניער לעקסינגטאָן עוועניו

ניו יאָרק

אָפיס־שטונדען: { פון 10 פריה ביז 8 אבענדס
זונטאג פון 10 ביז 4.

ראַטה פריי.

DR. LANDES, 140 E. 22ND ST.

געזונד און לעבען
איז שוין ערשיענען
11-טע בוך.



זעקסטער קאַפּיטעל

הייראַטה און די פרוי

די געשלעכטליכע אָרגאַנען, זייענדיג די הויפּט־פאַקטאָרען אין רעפּראָדוצירען, און געגען וועלכע עס ווערען מייסטענס בעגאַנגען מעהר בעהאַלטענע פערברעכענס ווי געגען וועלכע־עס איז אָרגאַנען, מוזען זיין פאָלקאָם געזונד. וועגען דעם צו פּסק'ענען מוז מען האָבען אַ דאָקטאָר, און ניט אַבי ווער. געהט ניט צו „גראָשענע" דאָקטוירים, וואָס וועלען אייך געבען אַזאַ עצה, פּונקט ווי איהר ווילט אליין, און וועלכע זיינען אַלעס אין „קאָרד" און „פּאָליטישע פּלאַטפּאָרמס" אַ חוץ דאָקטוירים. וויכט פון זיי! געהט צו אַ דאקטאר וואָס האָט דיעזען טהייל פון מעדיציניישער וויסענשאַפט געמאַכט זיין ספּעציאַליטעט אַלע זיינע פּראָפעסיאָנעלע יאָהרען. געהט צו אַזאַ, וואָס ווערט ניט מיעד צו פערשפּרייטען זיינע געדאַנקען און מיינונגען איבער דער וועלט. געהט צו אַזאַ, וואָס זאָגט אייך זיינע מיינונגען פראַנק און פריי; וועלכער דערצעהלט אייך וואָס ער ווייס פון אייער קראַנקהייט ניט וואָס איהר ווילט ער זאָל וויסען.

דעם 9טען יאַנואַר, 1911, אין די אַקאַדעמיע אוו מעדיצין, איז געווען אַ קאָנגרעס פון מעדיקאַל יוריספּרודענץ סאָסייעטי פון אַמעריקאַ. אַן עקסטראַקט פון איינעם פון די פיעלע רעפּאָרטען וועט אייך צייגען דעם טייוועל אין זיין ריכטיגען קאָליער. עס לעזט זיך ווי פאָלגענדעס:

„די רעליגיעזע און ציווילע (בירגערליכע אויטאָריטעטען מאַכען קיינע בעגרענצונגען אין הייראַטהס־אנגעלעגענהייטען. שכורים, נערוועזע חורבות, סתם קראַנקע, קראַנקע מיט ווענערישע קראַנקהייטען, שוועכלינגע, האַלב־אידיאָטען, אלע מעגען

אין בעהאַנדלען קראַנקע פערברענגט דר. לאַנדעס זיין לעבען, זיי צו רעטען און העלפען איז זיין ציעל און שטרעבען.

חתונה האָבען. אונזערע דול־הייזער, אונזער פעניטענשערים זיינען פול מיט משוגעים און פערברעכער, וועלכע ליידען פון קראַנקהייטען, וועלכע זיינען געקומען בירושה. איז דאָס ניט גענוג ווארנונג, דאָס עפּעס מוז געטהאָן ווערען, און וואָס שנעלער, די אומשטענדען צו פערבעסערען? מיר מוזען האָבען מעהר וויסענשאַפט און מעדיצין אין אונזערע הייראַטס־געזעצען.״

פיעלע רעפאָרמערס שלאָגען יעצט פאָר, מען זאָל מאַכען געזעצען, וועלכע זאָלען צווינגען יעדען מאָן און פרוי, איידער זיי געהען הייראַטהען, ארויסצוקריגען אַ געזונדהייטס־סערטיפיקייט פון ספּעציעל דאַפיר בעשטימטע דאָקטוירים, אָהן וועלכען מען זאָל ניט קענען הייראַטהען.

דר. לאַנדעס גלויבט ניט אין דעם. אזעלכע זאַכען זאָלען און דאַרפען ניט געלופטערט ווערען אין פּובליק. מעדיצין איז בערעכטיגט צו איהרע סעקרעטען און יעדער מענש קען געטרויט ווערען צו זיין געוויסען.

מיר האָבען גענוג געזעצען פאַר די קומענדע דרייהונדערט יאהר. געזעצען ווערען געמאַכט בלויז צו געבען לאָיערס אַ געלעגענהייט צו „מאַכען אַ לעבען״, פּאָליסלייט צו קריגען „גרעפט״, און געוויסע קלאַסען מענשען זיך צו אַדווערטייזען. זעלטען ווען זיי העלפען פערענטפערען אַ ברענענדע לעבענס־פראַגע.

דר. לאַנדעס גלויבט, דאָס יעדער מאַן וואָס געהט הייראַטהען, האָט די בעסטע און ריינסטע געדאַנקען וועגען דעם. ער וואָלט געוויס ניט וועלען פעראונגליקען זיין צוקינפטיגע פרוי און קינדער. אלע אונגליקען זיינען בלויז דער רעזולטאַט פון אונוויסענהייט. ער דענקט, דאָס יעדער יונגערמאַן איידער ער הייראַטה זאָל אריינגעהן צו אַ גוטען דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט, אזעלכען, אין וועלכען ער האָט צוטרוי, און מיט איהם זיך בעראַטהען און פאָלגען זיין עצה. פיעלע מאָל געהען ארום יונגע לייט מיט שווערע הערצער, זיי דענקען גאָט ווייס וואָס עס

ווען איהר ווערט דר. לאַנדעס אדרעסע געדענקען,
ווערט ער אייער פערלאָרענע קראַפט אייך שענקען.

פעהלט זיי, און ווען זיי קומען אריין צום דאָקטאָר, ווי עס האָט מיר, דר. לאַנדעס, פאַסירט הונדערטע מאָל, געהען זיי אַוועק בערוהיגטע און גליקליכע.

וואָס דר. לאַנדעס וואָלט געוואָלט, איז, אויב מען וואָלט געקענט מאַכען אַ געזעץ, וואָס זאָל ערקלערען די יונגע לייט די וויכטיגקייט און דעם ווערטה פון זייער פריוואַטען און סעקרעטען בעראַטהען זיך מיט'ן דאָקטאָר, דאַרויף וואָלט ער איינגעשטימט. עס איז די פליכט פון די לעזער פון דיעזען בוך דעם געדאַנקען אין קאָפּ צו האַלטען און עס צווישען פריינדע און בעקאַנטע צו פערשפרייטען.

וויסענשאַפט איז אַ קראַפט; וויסענשאַפט, געפיהרט ביי דעם געוויסען און ערליכקייט פון די יוגענד וועט מעהר אויפטהון אין דיעזער הינזיכט ווי הונדערטע געזעצען. אַ יונגער מאַן דאַרף האָבען אַ „מאָראַלישען" ביל אָוו העלטה, ניט קיין פּאַפּיערענעם.

☜ אין גיכען יועט ערשיינען ☞

איין העכסט אינטערעסאַנטער בוך

„דער טייוועל"

אויסגעלאסענע וועלט

וועט ערשיינען

14־טער בוך.



זיעבענטער קאפיטעל.

דער געשלעכטליכער פערקעהר און דער מיסגעברויך

דער געשלעכטליכער פערקעהר צווישען מאן און פרוי, אלס פאלגע פון הייראטה, וועלכע איז פארגעקומען נאך פערנינפטיגע, ריכטיגע, מאראלישע און היגיענישע געזעצע, איז אזוי וויכטיג און ריין ווי אנדערע פונקציאנען פון אונזער קערפער, און נאך פיעל וויכטיגער. דאס איז דער אויסדרוק פון ענערגיע, וועלכע ברענגט צונויף צוויי יונגע לעבענס אין פריינדשאפט און ליעבע, עס צושמעלצט זייערע אינדיווידועלע פערשיעדענהייטען, עס הארמאניזירט זייערע אונטערשיידען, עס מאכט פון זיי איין מענשען.

די געשלעכטליכע ארגאנען זיינען דיינאמאס; זיי שאפען די לעבענס־ענערגיע, וועלכע ווען זי ווערט קאנטראלירט דורך ריינע געדאנקען און איינגעהאלטענע ליידענשאפט, פערזארגט דעם קערפער מיט א געזונדען קערפערגעבוי און א גוט־ענטוויקעלטען מארך און געהירען. עס שענקט די געפיהלען סענטימענטען, די ווארמקייט און ערנסטקייט וועלכע בלויז אפאלקאם ענטוויקעלטע נשמה קען שענקען. ווען די דראטען, וועלכע ציהען זיך פון א „דינאמא" צו בעלייכטען א שטאדט, ווערען איבערגעריסען, בלייבט די שטאדט אין דער פינסטער, די דראטען ווערען קאלט. פונקט דאס זעלבע פאסירט, ווען די געזעצליכע פונקציאנען ווערען איבערגעשלאגען אין זייער נארמאלע ארבייט. דער עפעקט ווערט געפיהלט איבער דעם גאנצען קערפער: דער קערפער ווערט אבגעשוואכט, דער שכל ווערט פערבמורעט, די הארץ ווערט שוואכער.

אלזא, צו א בעשטימטער צייט אין לעבען ווערט דער

דר. לאנדעס היילט מענער־ און נערווען־קראנקהייטען
פאר די לעצטע פינף־און־צוואנציג יאהר.

געשלעכטליכער פערקעהר אַ נויטווענדיגקייט. די נויטווענדיגקייט ווערט בעפריעדיגט אין דריי וועגען דורך הייראַטה, דורך פּראָסטיטוציאָן און דורך פערפיהרען. וועגען די לעצטע צוויי, וועלכע ווערען פערדאַמט און דאָך פּראַקטיצירט פון דעם אַלגעמיינעם פּובליקום. דר. לאַנדעס, דורך זיין לאַנג־יאהריגע פּראַקטיק און ערפאַהרונג אין זיין ספּעציאַליטעט מענער־קראַנקהייט, וועט אייך פיעלעס דערצעהלען פון די געפאַהרען פון די צוויי, אין אַן אנדער בוך „פּראָסטיטוציאָן“, וועלכען ער שרייבט יעצט. דאָ בעהאַנדעלט ער בלויז די דריטע, און דאָס איז—די געזעצליכע הייראַטה.

ווייסען פערהייראַטהע לייטע ווי צו פיהרען אַ פערהייראַטהען לעבען? דר. לאַנדעס זאָגט ניין, טויזענד מאָל ניין. זיי ווייסען ניט, און פיעלע מאָל האָבען זיי ניט די געלעגענהייט עס צו וויסען. דער מיסברויכען פון געשלעכטליכען לעבען פעראורזאַכט מעהר צרות ווי דער עולם וויל גלויבען. עס איז די אורזאַכע פון גט'ן זיך, עס איז די אורזאַכע פון פיעלע פריהצייטיגע קברים, עס איז די אורזאַכע פון צושטערטע פאַמיליען־לעבענס, עס איז די אורזאַכע פון שלעכטע געוואָהנהייטען, מיט איין וואָרט, עס איז דער קוואַל פון א סך ליידען, וועלכע פּלאַגען אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען.

די מעהרסטע יונגע, און אויך עלטערע, מענשען האָבען א פאַלשע אידעע, דאָס ליעבע אין פערהייראַטען לעבען איז ענג פערבונדען מיט דעם געשלעכטליכען פערקעהר, און וואָס אָפטער עס פּאַסירט, דעסטאָ גליקליכער איז דער פערבאַנד. עס איז ניט אמת. דער פערלוסט פון "מענער־קראַפט פאַר אדער נאָך דער חתונה", אַלס אורזאַכע פאַר אַ גט, איז א גוטער בעווייז, דאָס צופיעל פערקעהר צושטערט דעם גרונדשטיין פון ליעבע. אָהן צוזאַמענלעבען קען קיין ליעבע ניט עקזיסטירען, וועלכע מוז און זאָל זיין מעסיג און נאַטירליך. מענער ווערען געבאָרען מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו זיין פערדאָרבען, ווי צו שכור'ן. די נייגונג

דורך דר. לאַנדעס בעהאַנדלונג מיט עלעקטריציטעט
ווערט אבגעצויגען די קראַנקהייט ווי מיט א מאַגנעט.

קומט בירושה, פון די טויזענדער יאהרען וואָס מענשען האָבען געלעבט ווילדער ווי די ווילדעסטע חיות אין געשלעכטליכען פערקעהר. איינער פון די גרויסע אידישע געלעהרטע אין תלמוד, רבי יוחנן, האָט זיך אויסגעדריקט אין א זעהר טיפּישען וועגען דעם ענין: „אבר קטן יש לו לאדם, מרעיבו שבע, משביעו רעב", דער מענש האָט א קליינעם גליעד אין קערפּער, ווען ער פערהונגערט איהם איז ער זאט, און ווען ער זעטיגט איהם איז ער הונגעריג. קיינמאָל האָט אַזאַ נים געזאָגט אַזוי פיעל אמת אין א פּאָר ווערטער!

עס זיינען דאָ א סך אורזאַכען וואָס מאַכען דעם פערהייראַטען לעבען א גיהנם. דר. לאַנדעס וועט בעהאַנדלען אַלע אורזאַכען איינע נאָך די אַנדערע און געבען זיין עהרליכע פרייע מיינונג. צו פיעל „פערקעהרען" איז איינע פון די גרעסטע אונרעכטען, וועלכע ווערען בעגאַנגען. אמת, זאָגט דר. לאַנדעס, די פראַגע פון געשלעכטליכען פערקעהר איז זעהר א דעליקאַטע, פיעלע מענשען האַטען עס צו בעריהרען, פיעלע וואָלטען גערן דעריבער געשוויגען, אבער „שתיקה כהודיא דמיא", שווייגען איז אַזוי גוט ווי מסכים זיין. און ווער נאָך ווי דר. לאַנדעס ווייס די טרויעריגע פּאָלגען פון מיסברויכען?

פיעלע מענער זיינען צו איהם געקומען זיך בעקלאָגען אויף נערוועזע קראַנקהייטען. זיי ווייסען ניט וואַרום פערשיעדענע בייפעלע פּאַסירען מיט זיי. זיי האָבען ניט געוואוסט, וואַרום זיי פיהלען זיך שוואַכער פון טאָג צו טאָג, וואַרום זיי פערליערען „זרע" איידער זיי קומען צונויף מיט זייערע פרויען. זיי זיינען דאָך פערהייראַטה, וואַרום זיינען זיי נערוועז? דער צו אָפטער פערקעהר איז פיעל מאָל געוועזען די אורזאַכע פון זייערע ליידען. מיט זיין בעהאַנדלונג און עצות פלעגען זיי געזונד ווערען און קומען צו זייער ריכטיגען שכל.

עס איז פּאַסיג צו דערצעהלען מענשען וואָס זיי זאָלען עסען און טרינקען, עס איז פּאַסיג צו לערנען מענשען ווי אָפט זיי

צו ריינינען און רעגולירען די מענשליכע בלוט,
און עלעקטרישע בעהאַנדלונג [illegible] איבער איז גוט

זאָלען עסען. ווארום איז עס ניט נאַטירליך און פּאַסיג צו דערצעהלען ווי אָפט זיי זאָלען האָבען געשלעכטליכען „פערקעהר“ ?

און דאָס איז וואָס דר. לאַנדעס האָט אַגיטירט און געלערענט די לעצטע 20 יאָהר, און דערפאַר איז ער געווען אַזוי ביטערליך אַטאַקירט און בעליידיגט.

די קערפּערליכע פונקציאָן איז פונקט אַזוי וויכטיג און טויזענד מאָל וויכטיגער ווי אַלע פונקציאָנען. דער צופיעל „פערקעהרען“ פעראורזאַכט אין מענליכען געשלעכט אַלגעמיינע שוואַכקייט, שמערצען אין רוקען, דיספּעפּסיא, אימפּאָטענץ (פערלאָרענע מענער קראַפט), און אַ נייגונג צו פיעלע אַנדערע קראַנקהייטען. אין פרויען פעראורזאַכט עס ענטצינדונג און וואונדען אין מוטערלייב, ליוקאָררעא, ניט רעגולאַרע מאָנאַטליכע, מפּיל זיין, אונמעגליכקייט צו האָבען קינדער, אַלגעמיינע שוואַכקייט, היסטעריקעס און פיעל אַנדערע נערוועזע און אַנדערע קראַנקהייטען.

דר. לאַנדעס וייס גאַנץ גוט, דאָס עס איז אונמעגליך צו געבען בעשטימטע רעגעלן (רולס), וועלכע זאָלען זיך פּאַסען פאַר אַלעמען. דר.־לאַנדעס וועט איבערגעבען מיינונגען פון פערשיעדענע אויטאָריטעטען, אויך זיינע אייגענע, וועגען די פראַגע. עס איז אָבהענגיג .אָן דעם געזונד־צושטאַנד, כח און אַלגעמיינעם געבוי פון מענשען. פיר איינעם איינמאָל א מאָנאַט איז צופיעל, אָן אַנדערען קען עס ניט טהון קיין שאַדען אפילו איין מאָל אַ וואָך. איין זאַך איז זיכער, דאָס עפטער ווי איין מאָל ביז דריי מאָל אַ וואָך וועט טהון שאַדען דעם מאַן, דער פרוי און די קינפטיגע קינדער. דער צו אָפטער פערקעהר האַלט די געשלעכטליכע אָרגאַנען שטענדיג אויפגערייצט, זיי פעראורזאַכען אונריינע געדאַנקען און פערברעכערישע נייגונגען. אמת, עס נעהמט מאַנכעס מאָל אַ לאַנגע צייט ביז א מאַן פיהלט די טרויעריגע פאָלגען פון ניט־מעסיגען סעקסועלען לעבען, אבער די פרוי, די אונגליקליכע פרוי! וואו איז די גערעכטיגקייט צו פעראורזאַכען אַנאַנדערען מענשען שמערצען און פּיין אום צו־

דעם מאַגען, דעם לעבער און אַנדערע טהיילען,
קען דר. לאַנדעס־זיבער אויסהיילען.

פריעדענצושטעלען די קינסטליך־געררייצטע לײדענשאַפט? מענער, דורך זייער ערציהונג און דורך די מאָראַל פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען, זיינען מעהר לײדענשאַפטליך ווי די פרויען. די פרויען, דורך דעם איינגעהאַלטענעם ריינעם לעבען וואָס זיי פיהרען ביז דער חתונה, פערקלענערען און לערנען קאָנטראָלירען די לײדענשאַפט. ווען די פרוי גיט נאָך דעם מאַנ׳ס אונ־נאַטירליכע פאָדערונגען, נעהמט עס ניט לאַנג און זי פערליערט איהר געזונד.

דר. לאַנדעס, אין דער צייט וואָס ער האָט פראַקטיצירט אין ניו יאָרקער גרויסע האָספּיטעלער, האָט געהאַט די געלעגענ־הייט צו זעהען די טרויעריגע פאָלגען דערפון. ער וועט בלויז איבערגעבען עטליכע פעלע.

איין פרוי, ארום 27—28 יאהר, איז געשטאָרבען אַ פּאָר יאהר נאָך דער חתונה דערפון, וואָס דער מאַן האָט ניט געקענט קאָנטראָלירען זיין לײדענשאַפט, אָדער בעסער, ער האָט ניט פּרובירט עס קאָנטראָלירען. דער מאַן איז געווען אַ גרויסער, געזונדער און שטאַרקער מאַן, זי אַ שלאַנקע, עדעלע, מאָגערע ווייבעלע, פּאָלקאָם געזונד ווען זי האָט איהם געהייראַטה, אָבער נאַטור האָט ניט געמיינט זי זאָל מיסברויכט ווערען. איין טאָג, דורכגעהענדיג איינע פון די אבטהיילונגען פון האָספּיטאַל, האָט איינער פון די דאָקטוירים צוגערופען דר. לאַנדעס און געזאָגט: „דאָקטאָר, זעה די פרוי אין יענער בעט, זי איז דער קרבן פון ווילדע לײדענשאַפט און אונקאָנטראָלירטען געשלעכטליכען פערקעהר. זי וועט שטאַרבען פון איהר קראַנקהייט, און מעהר שוידערליך איז, דאָס זי איז די פינפטע פרוי צו אַ מאַן, ביי וועמען פיער פרויען זיינען געשטאָרבען פון די זעלבע קראַנקהייט.

דר. פּערין, אין איינע פון זיינע ווערקע דריקט זיך אויס, דאָס פילע פּאַציענטען, מענער אַזוי ווי פרויען, פערטרויען צו דאָקטוירים, דאָס זיי לײדען שמערצען אין צייט פון געשלעכט־ליכען פערקעהר, און דאָס איז מעהרסטענס פון מיסברויך.

לעזט און פערשפרייט דר. לאַנדעס ביכער
און צייטשריפט „געזונד און לעבען“.

פראפעסאר א. ש. פאולער, אין איינעם פון זיינע ווערקע וועגען דעם געגענשטאנד, דריקט זיך אוים ווי פאלגט:

„פיעלע מענער האבען געבראכט צום קבר מעהר ווי איין פרוי; פיעלע מענער האבען דורך זייער ברוטאלע ליידענשאפט גערויבט קינדער פון זייערע מוטערס. אויב דו ווייסט ניט פון קיינע ביישפיעלע, ווייסט דו ניט איינע פון די הויפט־אורזאכען פון וועלכע מענשען אין דער וועלט שטארבען; און דאך, די פרעסע, די „געטליכע“, די לעהרער שוויגען שטיל.“

וואס איז די אורזאכע דערפון, וואס מאנכע מענער זיינען אזוי ליידענשאפטליך, דאס זיי מאכען זיך און זייערע אונשול־דיגע פרויען און קינדער אונגליקליך? דר. לאנדעס, דורך זיין 25־יעהריגער פראקטיס און ספעציעלע אויספארשונגען, איז געקומען צו די פאלגענדע שליסע: די ערשטע אורזאכע, און א גאנץ וויכטיגע, איז די פארהויט אין מענליכען געשלעכטליכען ארגאן. עס פאסירט פיעלע מאל, דאס די הייטעל, אנשטאט צו זיין פריי און בעוועגליך, איז אנגעקלעפט צום קעפעל פון גליעד. די אנקלעפונג פעראורזאכט שטענדיגע אינערליכע אויפרעגונג. דר. לאנדעס האט פיעלע אזעלכע פעלע געהיילט, און פון דאן אן האבען זיי פערלארען דאס „בעסטיע“־געפיהל. די צווייטע אורזאכע איז דער שטענדיגער אויפרעגען פון די נערוועןדסיסטעם דורך צופיעל עסען און טרינקען, פון געברויכען צופיעל אלקאהאלישע געטרענקע, פון צופיעל רויכערן, מאנכע מאל פון געברויכען „דראגס“, וואס רעגען אויף די נערוועןן, און מענער, וועלכע קענען ניט קאנטראלירען זייערע נערוועןן אלס פאלגע פון פערשיעדענע קראנקהייטען. הונדערטע פון דיעזע פעלע קענען לייכט געהיילט ווערען דורך א ריכטיגע לעבענס־ארט, און ברענגען צו א נארמאלען שטאנד די נערוועןדסיסטעם דורך עלעקטרישע בעהאנדלונג. די דריטע אורזאכע איז א מא־ראלישע, אבער דאך זעהר א וויכטיגע. מענער האבען שמוציגע געדאנקען און דורך אונפערשעהמטע רייד און עקעלהאפטע

ווען דר. לאנדעס בעהאנדעלט און קורירט,
דאן איז די היילונג זיכער גאראנטירט.

דבורים צווישען זיך לעגען זיי צו פייער צום הייליגען פלאַם פון ליידענשאַפט, וועלכער ברענט אין זיי. טרויעריג צו זאָגען, א געוואָהנהייט, וועלכע איז אַזוי פערשפּרייט צווישען אונזערע אידען, ביי פיעלע פון וועמען במעט אַלע געשפּרעכען דרעהען זיך וועגען פרויען און געשלעכטליכען פערקעהר געגענשטאַנד.

מארטין לוטהער, דער בעריהמטער וועלט־רעפאָרמער, וועלכער, האָט געלעבט אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט, א יאהרהונדערט, בעוואוסט פאַר זיין צולאַזענקייט, האָט געפונען פאַר נויטיג צו בעגרענצען די צאָהל פון געשלעכט־ליכען פערקעהר אין זיין רעליגיאָנס־לעהרע. ער, ווּיסענדיג דעם גייסט פון זיין צייט, האָט געזאָגט, דאָס צוויי מאָל א וואָך איז גענוג. צו יענער אויסגעלאַסענער צייט איז דאָס געווען א גרויסער צוים אויף די צולאַזענע מענשען.

אינטערעסאַנט זיינען די געזעצע פון אונזערע אידישע געלעהרטע אין דער אנגעלעגענהייט. אין אבן העזר (הלכות גטין) ווערט געשריעבען דאָס פאָלגענדע:

עס איז די פליכט פון א מאַן צו זיין מיט זיין פרוי אַזוי אָפט ווי זיין כח און בעשעפטיגונג ערלויבען איהם. די לעדיג־געהער יעדע נאַכט. אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען אין שטאָדט, איינמאָל אָדער צוויי מאָל א וואָך; די וואָס אַרבייטען אויסען שטאָדט איין מאָל א וואָך. עזעל־טרייבער איין מאָל א וואָך; קאַמעלען־טרייבער איין מאָל אין דרייסיג טעג; מאַטראָזען, איין מאָל אין זעקס חדשים. תלמידי חכמים (לערנערס) איין מאָל אין וואָך. דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען מען איז פאָלקאָם געזונד. אבער, ווען מען איז שוואַך, איז עס ניט קיין חיוב.

עס איז א זינד פאַר א מאַן צו פערנאַכלעסיגען זיין פרוי און ניט טהון איהר רעכט. דער וואָס טהוט עס, איז „עובר בלאו“ (טהוט אַן עבירה). אָבער ווען איינער איז קראַנק אָדער שוואַך און קען ניט, דאַרף מען וואַרטען זעקס מאָנאַטען ביז וואַנען ער ווערט געזונד. אויב ער ווערט ניט געזונד, קען זי

דר. לאַנדעס „געזונד און לעבען“ „עבען ערשיענען, ענטהאַלט אַלעס וואָס איהר דאַרפט און זאָלט וויסען.

מיט איהם ווייטער לעבען אויב זי וויל, און אויב זי וויל ניט, מוז ער איהר געבען איהר כתובה און איהר פריי מאַכען.

אַלזאָ, מעסיגקייט און פּאָרזיכטיגקייט איז געווען דער שליסעל צו געזונדהייט אויך צו יענע צייטען.

אין אן אַנדער פּלאַץ פון זעלבען ספר געפינען מיר אינטערעסאַנטע געזעצע, וועלכע זייגען געמאַכט געוואָרען צו פערהיטען אומזיסטע אויפרעגונגען און פערהיטען צופיעל געשלעכטליכען פערקעהר. מען מוז אויך ניט פערגעסען, דאָס די געזעצען זייגען געמאַכט געוואָרען פאַר אָריענטאַלען, מענשען פון וואַרימע לענדער, מיט הייסע ליידענשאַפטליכע טעמפעראַמענטען.

„אַ מאַן זאָל ניט האָבען צו אָפטען „פערקעהר" מיט זיין פרוי. עס איז זעהר ניט שעהן, און עס פּאַסט נור פאַר גראָבע יונגען. דער וואָס טהוט עס צום ווינציגסטען, דער איז ווערטה געלויבט צו ווערען. אַ מאַן זאָל זיין דערווייטערט פון די פרויען ווי ווייט מעגליך. א מאַן זאָל ניט מאַכען קיין צייכענס מיט די הענד אָדער מיט די פיס, און ניט ווינקען צו פרויען. דער וואָס קוקט זיך איין אויף אַ פרוי'ס קליינעם פינגערעל און האָט דערפון געשלעכטליכע הנאה איז פונקט ווי ער וואָלט געקוקט אויף אַן אומריינע זאַך. דער וואָס הערט אַ פרויען־שטימע אָדער זעהט פרויען־האָאר און האָט „געשלעכטליכען" פערגניגען, זאָל געשלאָגען ווערען מלקות.

די אלע געזעצע און פערזאָגונגען צייגען אונז די וויכטיגקייט פון מעסיגקייט אין דעם געשלעכטליכען לעבען, וועלכע מענשען אין אונזער צייט מיסברויכען אזוי פיעל.

אכטער קאפיטעל.

מפיל זיין דורך קינסטליכע מיטלעי און דער ניט פולער פערקעהר

גאָך אַ קללה פון פערהייראַטהען לעבען איז „אבארטירען" אָדער „מפיל זיין". אַמאָהל איז דאָס געווען פעררעכענט אלס איינע פון די גרעסטע קללות צווישען די אידען. ניט איין מאָל פלעגט מען זיך פאָהרען בענשען צו „גוטע אידען" זיי זאָלען עפּעס דאפיר טהון; ניט איין אידענע פלעגט טראָגען קמיעות אויפ׳ן האַלז פון אַ גוטען אידען אָדער אַ טאַטער אַלס שמירה. היינט גע צייטען איז עס אַנדערש. געוויס די עקאָנאָמישע אומשטענדען האָבען דעריין פיעל צו טהון. מענשען זיינען געוואָרען פערניפטיגער; זיי ווילען ליעבערסט אויפברענגען עטליכע קינדער ריכטיג איידער „אָנפּלאָדעווען" אַ פולע הויז און קיינעם ניט קענען מאכען פיר קיין מענשען, איבערהויפּט יונגינקע ווילען זיך ניט ארייגלאָזען אין דער ארבייט פון „ניאַנטשען" קינדער אָדער ווילען ניט האָבען מעהר פון איין קינד. זיי שטעלען צו אַ סך ארבייט אונזערע „איידעלע" דאָקטוירימלעך און די אונדערטייקערס. דר. לאַנדעס ווארנט אייך דאָ פיר די אבארטיאן" ספּעציאַליסטען, וועלכע „רייניגען" פרויען פיר אַ פּאָאר לומפּיגע דאָלארס און שטעלען דעם לעבען פון אַ פרוי און מוטער פון קינדער אין גרעסטען געפאַהר. אויב פיעלע פון די קברים פון די יונגע ווייבלאַך וואָלטען זיך געעפענט און דערצעהלט סעקרעטען, וואָלטען אַ סך פון די „גוטע", „פרומע" דאָקטוירים זיך געמוזט אבטראָגען. ווי האָט איז אייך ליעב, טהוט עס ניט. עס איז פערבונדען מיט לעבענס־געפאַהר פיעלע מאָל, און קראנקהייטען און שלעכטע פאָלגען יעדען מאָהל.

דר׳ לאַנדעס בוך „בוים פון לעבען", פריי.

שיקט אַ סטעמפּ און אייער אַדרעסע.

נון, הערר דאָקטאָר לאַנדעס, וואָס קען אַ זינדיגער מענש טהון? מען איז דאָך פאָרט ניט מעהר ווי אַ מענש; און טאַקי ווי אַ הר זאָגט אַליין, עס ווילט זיך דאָך ניט קיין פולע הויז קינדער מען וויל ליבערסט מאַכען מענשען פון די צוויי אָדער דריי! איאָ, דאָס ליעגט אייך אויף די ליפּען?

געוויס, מיינע פריינד, איהר זייט גאַנץ גערעכט. דער צאָהל פון קינדער געבאָרען אין אַ ריכטיגע הייראַטה זאָל קיינמאָל ניט זיין מעהר וויפיעל די עלטערען קענען פערטראָגען אָהן שאַדען צו זייער געזונד און פונקט אַזוי פיעל וויפיעל זיי קענען מפרנס זיין און מאַכען פיר מענשען. עס איז ניט וויכטיג וויפיעל קינדער אַ מענש ברענגט אויף דער וועלט, זאָנדערן וועלכע קינדער ער ערציהט און גיט דער וועלט.

אָבער ווי קען מען עס קאָנטראָלירען אַנדערס?

איידער דר. לאַנדעס וועט אייך זאָגען עפּעס פּאָזיטיוועס, וויל ער אייך דערצעהלען פון די טרויעריגע פאָלגען פיר די עלטערן און די קינדער פון קינסטליכע מיטלען צו אַבאָרטירען. ערשטענס זאָלט איהר וויסען, דאָס עס גיבט קיינע פּאָזיטיווע מיטלען צו אַבארטירען. קיינער קען עס אייך ניט גאַראַנטירען. פיעלע מאָלווירקען די מיטלען ניט צו פערטרייבען, אָבער זיי ווירקען זעהר גוט און צושמעטערען אייער אייגען געזונד און לעבען און דאָס צוקונפט פון קינד.

דר. לאַנדעס איז אַ מאָהל געבעטען געוואָרען ביי זיינעם אַ פּאַציענט, וועמען ער האָט אויסגעהיילט פון נערוועזע צעררשטרייאונג, צו עקזאַמינירען זיין זוהן. „מיין זוהן, האָט ער געזאָגט, פעהלט קיין זאַך ניט, בלויז ער בענעהמט זיך אַזוי מאָדנע אין מיינע און מיין פרוי'ס אַנוועזענהייט, דאָס איך פאַנג אָן צו דענקען, דאָס ער איז ניט מיט אַלעמען.“ ער האָט טאַקי געבראַכט דעם זוהן דעם צווייטען מאָהל און דר. לאַנדעס האָט אין איהם ניט געפונען קיין אַבנאָרמאַלעס, אַ חוץ אַ האַס־געפיהל צו זיינע עלטערן; און נאָך מעהר וואונדערבאַר איז עס געוועזן, וואָס

„דער נערוועזער יאָהרהונדערט“, דר. לאַנדעס נייער בוך וועט קירצליך ערשיינען.

דער יונגער מאַן איז געווען אַ רוהיגער, שטילער און גאַנץ אַנשטענדיגער יונגע. דר. לאַנדעס, זיך נאָכפרעגענדיג ביים פאָטער די היסטאָריע פון זיין לעבען, האָט אויסגעפונען וואָס ער האָט פערדעכטיגט. די מוטער און פאָטער האָבען דאָס קינד ניט ערוואַרטעט און ניט געוואָלט. קינסטליכע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרען פון איהם פטור צו ווערען, נור עס האָט ניט געהאָלפען. דאָס קינד איז געקומען ניט געבעטענערהייד. נאכהער איז ער שוין געוואָרען זעהר ווילקאָמען. נור עס האָט ניט געהאָלפען; דאָס קינד איז אויפגעוואקסען אָהן וועלכע עס איז ליעבע צו זיינע עלטערן. ער האָט זיי געאַכטעט, געפאָלגט, אָבער קיין ליעבע האָט ער ניט געפיהלט צו זיי. זיי האָבען דאָס געפיהל גע׳הרג׳עט אין זיין האַרץ איידער ער איז נאָך געקומען צום לעבען.

אַ היסטאָרישע געשיכטע וועט איך אויך העלפען צייגען די געפאהר און שלעכטע רעזולטאַטען פון שלעכטע געוואָהנהייטען און געוואגטע טהאַטען. גאאיטיע איז געווען דער מאַן, וועלכער האָט ערמאָרדעט פרעזידענט גארפיעלד, גאָר אָהן וועלכע עס איז אורזאכע. געוויס, עס איז געווען די אבשייליכסטע טהאַט, וואָס אַ מענש האָט געקענט טהאָן! ערמאָרדען אַ פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאטען, אַ נאָבעלען מאַן, וועמען די לאַנד האָט געגעבען דעם גרעסטען כבוד, וואָס זי פערמעגט. גאאיטיע איז געווען אַ האַלב־משוגענער, האָט פערשוואַרצט דעם פנים פון זיין משפחה און די משפחה האָט געטרייעט דאָס בעסטע עס צו פערגעסען און אָבצוואַשען דעם פלעק. די מוטער איז געווען די איינציגע, וואָס עס האָט ניט געקענט פערשוויגען. יאָהרען לאַנג שפעטער האָט זי דערצעהלט איהר געשיכטע, און דער נאָמען פון איהר קינד, אָבוואָהל פערפלעקט אויף אייביג, דאָך קען ער ניט ווערען אַזוי געטאַדעלט: עס איז געווען די אַלטע געשיכטע: עקאָנאָמישע אומשטענדען ניט אַם בעסטען. דאָס אַנדערע קינד קליין, קיין פלאַץ און קיין לוסט פי־

דר. לאַנדעס ביכער: „דער פערפיהרטער“, „קערפער און זעעלע“, „טהרת המשפחה“.

אַנדערע. עס איז בלויז געווען אַ קינד פון ליידענשאַפט, ניט פון ליעבע. קינסטליכע מיטלען צו פערטרייבען האָבען ניט געהאָלפען. דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען מיט האַס אין זיין האַרצען. זיין ווילענסקראַפט איז געווען שוואַך. ער האָט ניט געקענט קאָנטראָלירען זיינע געפיהלען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיינט זיך צו שעהמען פיר עפּעס. ער האָט קיין אַהנונג ניט געהאַט פון געוויסענסביסע. אַלזאָ, איז די אונגליקליכע מוטער געווען אינדירעקט דער אינסטרומענט וואָס האָט געמאַכט איהר קינד פאַר אַ מערדער. אַ גרויזאַמע שטראָף פון דער נאַטור!

די צווייטע עקעלהאַפטע און שעדליכע געוואָהנהייט דיעזען מאָל פיר די עלטערען איז-דער ניט פאָלקאָמער „צוזאַמענקעהר“, גערופען אין וואולגאַרען אויסדרוק „ארויסציהען“; אין וויסענשאַפטליכען טערמין ווערט עס גערופען „אָנאַניזם“. זעלבסטבעפרידיגונג דורך די הענד, אָדער פערשיעדענע אַנדערע וועגען, די פערברעכען וואָס ווערען אַזוי דייטליך בעשריבען אין דר. לאַנדעס׳ בוך „זינד געגען די נאַטור„ ווערט אייגענטליך גערופען „מאַסטורביישאָן“. אין נעקסטען קאַפּיטעל וועט דר. לאַנדעם אויך בעריהרען די פראַגע פון מאַסטורביישען. אַזוי פערשפּרייט איז דער פעהלער און אַזוי ערנסט דענקט דר. לאַנדעם זיינען די פאָלגען, דאָס ער פערפעהלט קיין געלעגענהייט וועגען דעם „פערפלוכטען“ געוואָהנטהייט צו רעדען.

וואָס זיינען די שלעכטע עפעקטען פון ניט פולען „פערקעהרען“? ווען די ליידענשאַפט ווערט ערוועקט אין מאַן און פרוי, ווערען די בלוטען אויפגערעגט, זיי פילען אָן אַלע בלוט געשירען אין די געשלעכטליכע אָרגאַנען. די גליעדער ווערען צוהיצט און ענטצינדעט. ליידענשאַפט זאָל קיינמאָהל ניט אויפגערעגט ווערען סיידען מאַן און פרוי וועלען האָבען אַ פולען פערקעהר. אין ריכטיגען פערקעהר ווערען די ענטצונדענע טהיילען אָבגעקיהלט דורך די „זרע“ און די פערשיעדענע אייל̈ען וואָס דער קערפער

„מאַן און פרוי“ פון דר. לאַנדעם פערפאַסט,
וועט עמפפאַנגען ווערען אַלס אַ גוטער גאַסט.

גיט אַרויס דורכ'ן פולען פערקעהר. אין ניט פולען פערקעהר קומען ניט אַרויס אַלע זאַפטען און איילען ווי אין פולען פערקעהר. די ענטציינדעטע טהיילען ווערען ניט פאָלקאָם אָפּגעקיהלט, די אויפגערעגטע בלוטען קעהרען זיך אום צום קערפּער ניט צופריעדענגעשטעלט און רעגען אויף נאָך אַמאָל דעם געפיהל פון ליידענשאַפט. אויסער וואָס די געוואָהנהייט האַלט דעם מענשען אין אַ שטענדיגען אויפגערעגטען צושטאַנד פון ליידענשאַפט, וואָס שטערט די געהירען אין זייער נאָרמאַלען ארבייט, דריקט עס זיך פיעל מאָהל אויס אין קערפּערליכע פעהלערען. דר. לאַנדעס וואָלט געקענט דאָ ברענגען שעהנע עטליכע ביישפּיעלע פון זיין פּראַקטיס, נור ער וועט זיך בענוגענען בלויז מיט איינעם.

צו דר. לאַנדעס אין אָפּיס איז איין טאָג אריינגעקומען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר 28, אַ געזונדער און אַ שטאַרקער אויפ'ן אויסזעהן. ער האָט זיך בעקלאָגט אויף אויסשלאַגונגען אויפ'ן קערפּער, שמערצען אין די „דזשאָינטס" און נערוועזע שמערצען. „איך וויים ניט ווארום איך זאָל זיך ניט פיהלען גוט", האָט ער געזאָגט, „איך האָב אַ גוטע פרוי, זי פּאַסט זעהר גוט אויף אויף מיך, איך ארבייט ניט צופיעל, האָב ניט פון וואָס צו זאָרגען; מאַך גענוג געלד צו ערנעהרען זיך און מיין פרוי." דר. לאַנדעס האָט דעם מאַן טיכטיג עקזאַמינירט און זעהענדיג, דאָס זיין קיים איז עהנליך צו אַן אָנפאַנג פון רהומאַטישע שמערצען אין די געלינקען, האָט ער איהם מיט אַ מאָהל אַ פרעג געטהאָן: „וויפיעל קינדער האָט איהר?" „קיינע קינדער און וויל אויך קיינע האַבען", האָט ער געענטפערט. „ווי לאַנג פערהייראַטה?" איז געווען די צווייטע פראַגע. „פינף יאָהר", איז געווען זיין אַנטוואָרט. די דריטע פראַגע איז געווען: „צו בעגעהט איהר פערברעכען געגען די נאַטור?". עס איז געווען ניט קיין פראַגע, עס איז געווען אַ ווארנונג. רויט אין פּנים האָט דער מאַן געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט: „איך געברויך דעם ניט פולען

דר. לאַנדעס אָפּיס איז 140 א. 22טע סטריט.
זיין ראַטה איז פריי. קומט איהם זעהען.

פערקעהר.״ דר. לאַנדעס האָט איהם געגעבען עלעקטרישע בעהאנדלונג פיר אַ קורצע צייט און האָט איהם איבערצייגט די אונרעכט און שאדען פיר זיך פון דעם שלעכטען געוואוינהייט. ער איז שנעל געזונד געוואָרען, אָבער עס האָט ניט פיעל געפעהלט ער זאָל ווערען אַ רומאַטיקער און נערוועזע חורבה פיר זיין גאנצען לעבען. און ווייעדער די זעלבע פראגע, ווי קען מען זיך צופריעדען שטעלען? מען איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מענש? יעצט וועט אייך דר. לאַנדעס פערענטפערען. פריהער איז ער אַ ביסעל אַוועק פון ענין אום אייך צו צייגען די געפאהרען „למען ישמעו ויראו“, ווי די ביבעל זאָגט, אום זיי זאָלען הערען און מורא קריגען.

אַלזאָ, פערנינפטיגע און אינטעליגענטע מעסיגקייט אין פעהייראַטהען לעבען וועט זיך בעצאָהלען הונדערט מאָהל מעהר ווי איהר מהוט. די אידעע, דאָס מען הייראַטה אום צו האָבען וואָס מעהר געשלעכטליכע פערקעהרונגען, איז פאלש. עס ערנידעריגט דעם מענשען וואָס קען גאָר אזוי טראַכטען. לייטע הייראַטהען פיר אַנדערע פיעל נאָבעלערע צוועקען. דער צופריעדענשטעלען פון ליידענשאַפט הענגט אָב ניט אזוי פיעל פון קערפער ווי פון די געהירען. דער ליידענשאַפט איז אַ פראָדוקט פון די העכערע געפיהלען און אַלזאָ זאָל אויך אזוי בעהאַנדעלט ווערען. דער מאַן, וועלכער קומט זיך צונויף מיט זיין פרוי אָהן אויסצוגעפינען, אויב זי פערלאַנגט עס, וועט ניט זיין צופריעדען. זיין חיה־געפיהל וועט זיך זעהר שנעל צוריקקעהרען. דער צוזאַמענקומען, וואָס איז אָבער דער רעזולטאַט פון ביידענס נויטיגען געפיהל, שטעלט צופריעדען קערפער און זעעלע און קעהרט זיך ניט צוריק פיר אַ לאַנגע צייט. די איינגעהאַלטענע פערהעלטניסע שאַנעווען דעם געזונד פון מאַן און פרוי, פערשפּאָרען שמערצען און לייגען צו געזונד און קראַפט צו יעדע פּאָאַר. די קינדער, וואָס ווערען געבאָרען פון אַזא ריינער פערבינדונג, זיינען מילד און געלאַסען אין זייערע נייגונגען, בעזי־

140 איסט 22טע סטריט איז דאָקטאָר לאַנדעס אדרעס,
דורך עלעקטרישע בעהאַנדלונג מאכט ער פיעל פראָגרעס.

צען שטארקע און איידעלע כאראקטערע, אין דער צייט וואס קינדער געבארען פון ניט קאנטראלירטע געפיהלען זיינען מייסטענס גראב, אונערצויגען, האבען קיין ווילענסקראפט און קענען ניט קאנטראלירען זייערע לוסטען און געפיהלען.

אונזערע אידישע געלערנטע האבען אויך געזאגט דאס־זעלבע: „ולא יבעול אלא מרצונה ואם אינה מרוצה יפיסנה עד שתרצה.“ א מאן זאל ניט צונויפקומען מיט זיין פרוי אהן איהר ווילען, און אויב זי שטימט ניט איין, זאל ער איהר אזוי לאנג איבערבעטען ביז וואנעט זי וועט איינשטימען.“

„לא יבוא אל אשתו והיא שנואה לו בשעת תשמיש“. א מאן זאל ניט צונויפקומען מיט זיין פרוי, אויב ס'איז איהם פערהאסט אין דער צייט פון צוזאמען קומען.

דר. לאנדעס' אפפיס,

140 איסט 22טע סטריט
ניער לעקסינגטאן עווענין
ניו יארק

אפיס־שטונדען: { פון 10 פריה ביז 8 אבענדס
זונטאג פון 10 ביז 4.

ראטה פריי.

DR. LANDES, 140 E. 22ND ST.

גערעמערזשרע וואהרע

וועט באלד ערשיינען

12-טער בוך.



ניינטער קאפיטעל.

צופיעל קינדער און ווילדע תאוה

נון, ווי זאל מען זיך פערהיטען פון ניט האבען צופיעל קינדער? ווייל עס גיבט ניט קיין צייט, ווען א פרוי איז אבסאלוט געזיכערט, דאס זי וועט ניט שוואנגערען, דאך זיינען דא כללים, וועלכע דר. לאנדעס גיבט דא איבער. 12 טאג נאכדעם ווי די „מאנאטליכע" פליסונגען הערען אויף אין גאנצען איז די צייט ווען א פרוי פערגעהט אין שוואנגערען צום מעהרסטען. עס פאסירט ניט אפט צווישען 12 און 17 טעג נאך דעם פולען אויפהערען פון די מאנאטליכע פליסונגען. א פרוי פערגעהט זעהר זעלטען אין שוואנגערען נאך 17 טעג ווי די מאנאטליכע פליסונגען האבען אין גאנצען אויפגעהערט צו פליסען ביז 48 שטונדען איידער די נייע מאנאטליכע פאנגען אן צו פליסען. אלזא, זיינען דא אפאאר טעג אין יעדען מאנאט, ווען מאן און פרוי קענען צופריעדען שטעלען זייער ליעבע און ליידענשאפט אויף א נארמאלען וועג, אהן זיך אונטערווארפען צו וועלכע עס איז געפאהר.

קיין דאקטאר קען דאפיר גאראנטירען, אבער עס טרעפט זעלטען, אז די כללים זאלען ניט אויסהאלטען ריכטיג. אבער אם וועניגסטען דאס איז א ריינע נאטירליכע וועג, געפלאנט פון די נאטור אליין צו בעשיצען די וועלט פון צופיעל מענשען און צופיעל אנשטרענגונג פון די שוואכע פרויען. עס איז ניט פערבונדען מיט קיין געפאהר פיר קיינעם. איין זאך איז זיכער, עס איז ניט דער פרוי'ס אויפגאבע צו לעבען אין דער וועלט אלס א מאנ'ס קרבן, אויב אפילו ער ווערט פערדעכענט אלס אן אויפגאבע, איז דאך דאס אבער ניט איהר מאראלישע פליכט. א פרוי דארף א מאן אויפהויבען העכער, ניט ארונטערשטייגען נידעריי

מענער־קראנקהייטען קומען ניט פון בייזע גייסטער,
דר. לאנדעס זיי אויסקורירען איז א מייסטער.

גער און נידעריגער מיט איהם. א פרוי'ס קערפער און נשמה
דארפען ניט געפאָדערט ווערען צופריעדען צו שטעלען מענער
מיט צולאָזענע ווילדע ליידענשאפטען, ניט מעהר ווי זיי וואָלטען
פערברענט געוואָרען אויף שייטערהויפענס אויף די קברים פון
זייערע מענער. אויב מענער ווילען פערשטאַרקערען און פער־
בעסערען די פליכטען פון הייראַטה, דארפען זיי צוערשט פער־
שאפען פאַר זיך העכערע חובות און גרעסערע פעראַנטוואָרטליכ־
קייטען.

דר. לאַנדעס וועט דאָ ניט בעריהרען די פראגע פון צופריע־
דענשטעלען די ליידענשאַפטען דורך אונגאַטירליכע וועגען.
ערשטענס בעהאַנדעלט ער די פראגע מעהר אָדער ווינציגער אין
זיינע ביכער „מענער פריינד" און „זינד געגען די נאַטור"; צוויי־
טענס, פערערכענט ער זיי אַלס פאָלגען פון נערוועזע קראַנקהיי־
טען און איינבילדונגען און וועט זיי זעהר ברייט בעהאַנדלען
אין זיין נייעם בוך „די נערוועזע עלטער". ער וויל בלויז אויפ־
מערקזאם מאכען, דאָס די מענשען, וועלכע לוסטען נאָך אונגאַ־
טירליכען פערקעהר, זיינען פיעל גרעסער אין צאָהל ווי מען
שטעלט זיך פאָר. זיי קומען אויך פון אַלע שיכטען פון דער גע־
זעלשאַפט. א פאָאר יאָהר צוריק האָט זיך געשאָסען אַ בע־
וואוסטער מאַן אין ניו יאָרק, אַ טהייל־האַלטער אין אַ גרויסער
ניו יאָרק דעפּארטמענט סטאָר, נאָכדעם ווי מען האָט איהם גע־
פונען אין העסליכע פערהעלטניסע מיט אַ יונגען אינגעל. עס
איז בלויז אַוועק צוויי מאָנאַט ווי אַ גייסטליכער אין אַ גרויסער
טשוירטש איז בעשולדיגט געוואָרען אין אזא פערברעכען און נור
אַלס רעספעקט צו די קירכע און זיין פרוי און קינדער איז אלעס
איינגעשטילט געוואָרען.

דר. לאַנדעס וועט דאָ ריידען בלויז אַ פאָאר ווערטער וועגען
„נימפהאמעניעקס" מענער און פרויען. נימפהאמעניעקס מיינט
פשוט מענער אָדער פרויען, וועלכע קענען ניט ווערען צופריעדענ־

זיינען שוואַך די נערוועז און געהירען?
דר. לאַנדעס גיט זיי קראַפט צו רעגירען.

געשטעלט אין געשלעכטליכען פערקעהר. עס איז רעכט, דאָס זיי זאָלען פערקעהרען 4 אָדער 5 מאָהל אין אַ קורצע צייט און דאָך ניט זיין צופריעדען. עס עקזיסטירען פיעלע אורזאכען דאָפיר: פיעלע מאָהל קומט עס פון צוהיצטע בלוט, פון צורייצטע געדאַנקען, פון שטענדיגע קינסטליכע גערייצטע ליידענשאַפט, פון געברויכען שטאַרקע געטרענקע און פיעל מאָל פון געוויסע אַנאַטאָמישע (אָבהענגיג אַן קערפער־געבוי) פעהלערען. עס גיעבט פיעלע וועגען עס צו היילען, פערשיעדענע דיעטען, עלעקטרישע בעהאַנדלונגען, זאָגאַר כירורגישע אָפעראַציאָנען. איין זאַך איז זיכער, עס טאָר ניט פערלאָזען ווערען. עס איז אַ שווערע קראַנקהייט און זאָל געצוימט ווערען וואָס שנעלער. ווען ניט, וועט עס איינעם אָדערביידען פעראונגליקען אויפ'ן גאַנצען לעבען אָדער ברענגען צו אַ פריהצייטיגען קבר.

מערקווירדיג איז, דאָס ביי אַנדערע האַלט אָן דער בעסטיעגעפיהל פאַר יאהרען לאַנג, אַ מאָל פאַר'ן גאַנצען לעבען. עס ווערט דערצעהלט פון מענער, וואָס האָבען געהייראַטה 4 אָדער 5 פרויען און יעדע איז געשטאָרבען אין אַ קורצע צייט פון מיסגעברויכען. ביי אַנדערע ווידער האַלט עס בלויז פיר אַ קורצע צייט, פון אַ פּאָר מאָנאַט ביז אַ פּאָר יאהר און מיט אַ מאָל פערלירען זיי זייער לוסט און פעהיגקייט צום געשלעכטליכען פערקעהר פיר אימער. עס ווערט בעהויפטעט, דאָס פרויען אין דעם צושטאַנד, נאָכדעם ווי זיי האָבען געליטען פון נימפהאמעניע, ווערען אזוי אויפגעבראכט געגען מענער, וואָס ווילען זיי בעריהרען, דאָס זיי זיינען אימשטאַנדע צו בעגעהן אַ מאָרד.

ווען דר. לאַנדעס פלעגט בעזוכען די האָספּיטעלער, האָט ער איינמאָהל געטראָפען אַ יונגע פרוי. זי האָט אויסגעזעהען זעהר שלעכט, אויסגעדאַרט, אויסגעמוטשעט און מעהר אויסגעזעהן אַ שאָטען ווי אַ מענש. „דאָקטאָר, האָט זי געזאָגט, איך בעט אייך, גיט מיר מעדיצין." וואָס פעהלט דיר?" האָט איהר

„טהרת המשפחה", די „הייראַטה" און אַנדערע ביכער
פון דאָקטאָר לאַנדעס וועלען אייך בילדען זיכער.

דר. לאַנדעס געפּרעגט. זי האָט ניט געוואָלט זאָגן, נאָכדעם ווי ער האָט איהר אונטערזוכט, האָט ער איהר געפונען אין אַ זעהר טרויעריגער לאַגע. איהרע געשלעכטליכע אָרגאַנען זיינען געווען זעהר ענטצינדעט. זיי זיינען געווען אַזוי רויה, דאָס ער האָט זיך געוואונדערט ווי די אָרעמע פרוי קען זיך בעוועגען און טהון איהר הויז־אַרבייט. ענדליך האָט זי איהם דערצעהלט איהרע צרות: איהר מאַן, האָט זי געזאָגט, איז אַ גרויסער, שטאַרקער, ברוטאַלער מאַן, ער מיסגעברויכט איהר, ניט גענוג וואָס ער קומט זיך צונויף מיט איהר פיער אָדער פינף מאָל דורך דער נאַכט; פערקעהרט ער מיט איהר ווען ער קומט פיר מיטטאָג, און די ערשטע זאַך וואָס ער טהוט ווען ער קומט פון דער אַרבייט, וואַרפט ער איהר אַנידער אויפ'ן בעט און שטעלט צופריעדען זיין בעסטיע־געפיהל. דר. לאַנדעס האָט איהר געראַטהען אוועקגעהן פון מאַן אָדער איהם אַריבער־ברענגען אין האָספּיטאַל. ער האָט איהר מעהר קיינמאָל ניט געזעהען. זי האָט געוויס געמוזט שטאַרבען אין אַ קורצע צייט נאָכדעם.

אָט איז נאָך אַ פאַל וואָס האָט פּאַסירט אין דר. לאַנדעס' פּראַקטיס ערשט ניט לאַנג צוריק. צו דר. לאַנדעס איז געקומען אין אָפיס אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָהר 65. מיט איהם איז געווען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר 28. גרייז־גרוי איז געווען דער אַלטער, געבויגען איז געווען זיין פיגור. דאגות און צרות זיינען געווען אויסגעקריצט אויף זיין געזיכט. דער יונגער מאַן איז געווען אור־מעטהיג, פערזאָרגט, אַזוי ווי ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. צו־ערשט האָט ער גאָר ניט געוואָלט רעדען. דער אונגליקליכער אַל־טער האָט געמוזט דערצעהלען פיר איהם די געשיכטע:

„מיין טאָכטער האָט געהייראַט מיט דעם יונגען מאַן מיט אַ יאָהר 4 צוריק, און ווי געוועהנליך ביי אידישע מענשען, גע־הייראַטה, אַרויסגעגאַנגען פאַר זיך, זיך געעפענט אַ גראָסערי־סטאָר און געמאַכט אַ לעבען. אין פערלויף פון ערשטען יאָהר

דר. לאַנדעס האַלט אין פאַרבערייטען די ביכער
„דער טייוועל“ און „די אויסגעלאַסענע וועלט“.

איז אַלעם געגאַנגען כשורה, ווי יונגע לייטע, זיך ליעב געהאַט, זיך געשפּיעלט, זיך פערבראכט אפשר אַ ביסעל צופיעל. פון צווייטען יאָהר אָן אָבער האָט מיין אומגליקליכע טאָכטער אָנגעהויבען איינצופאלען פון טאָג צו טאָג. מיין געזונדע, שעהנע טאָכטער האָט אָנגעפאַנגען ווערען חושך. פאַר אַ צייט האָט זי גאָר ניט דערצעהלט. נון מיין פרוי האָט ארויסגעקריגען פון איהר דעם סוד איין טאָג. מיין אַלטע איז קירצליך נאָכדעם געשטאָרבען פון די גרויסע ערגערנים און שברות הלב. דעם יונגען מאַן'ס „תאוה“ איז געוואָרען אזוי שטאַרק, דאָס ער פלעגט פשוט פערמוטשענען די פרוי. 5 און 6 מאָהל אַ נאַכט איז געווען ביי איהם גאָר נישט. ער פלעגט עס אויך פראקטיצירען דורכ'ן טאָג עטליכע מאָהל, אַזוי ווי זיין געשעפט פלעגט איהם ערלויבען צו זיין אהיים. די אָרעמע פרוי פלעגט כמעט בלייבען אין חלשות, אָבער דעם ברוטאַלען מאַן האָט עס ניט געקימערט. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען פיר אַ יאָהר און אַ האַלב. וואָס ווייסען מיר, פראָסטע מענשען!“ האָט דער אַלטער געזאָגט. מיט אַ יאָהר צוריק האָט זיך אַלעם געביטען. דער יונגער מאן איז געוואָרען אַנאַנדערער. ער ריהרט זיך ניט אָן מעהר אָן זיין פרוי, ער קוקט אַפילו ניט אין איהר ווינקעל. ווען ער ריהרט זיך אָן אָן איהר האַנד אָדער קערפּער דורך אַ צפאַל, פאַנגט ער אָן ציטערען מיט אַלע גליעדער. ער לאָזט זיך ניט רעדען, ענטפערט ניט אויף קיין פראגען, געהט ארום ווי א שאָטען. הערר דאָקטאָר, העלפט מיר, מיין טאָכטער איז שוין באלד משוגע פון זאָרגען און שמערצען.“

דר. לאַנדעס האָט דעם מאַן טיכטיג אונטערזוכט און האָט זיין פאל דיאגנאזירט אַלס „היפּאָהאנדריע“ פון שלימסטען פאַל. זיינע געהירען, זיין מאַך, זיין נשמה זיינען געוואָרען די קנעכט פון זיין ליידענשאַפט. ער האָט פון קיין אַנדער זאַך אַ חוץ ליידענשאַפט און געשלעכטליכען פערקעהר ניט געטראַכט. ווי מען זאָגט, „מען געהט אזוי לאַנג צום ברונען, ביז דער קרוג צוברעכט

געזונד איז טהייערער פון אַלעם;
מען דאַרף עס ניט יעדען אַנפערטרויען.

זיך.״ אזוי איז געווען דער פאַל. ער האָט ניט געפּרובירט צו קאָנטראָלירען זיינע געפיהלען, ער האָט זיי געהאַלטען אין איין צופּלאַקערען און רייצען. נאַטור האָט גענומען איהר ראכע אין איהר זאָנדערבאַרען וועג. ער איז געוואָרען אַ צובראָכענער שאַרבען, אַ נערוועזע חורבה און דאן האָט ער זיך אין גאַנצען פערלאָרען. דר. לאַנדיס בעהאַנדעלט נאָך דעם פאַל יעצט. ער האָפט, דאָס ער וועט מיט דער צייט אין גאנצען געזונד ווערען. די עלעקטרישע בעהאַנדלונג, די גוטע, פערנינפטיגע רייד, דער ריכטיגער אַרט לעבען וואָס ער פיהרט יעצט, זיין שטאַרקער קערפּער־געבוי וועלען איהם אַ מאָהל ברענגען צו זיין נאָרמאַלען צו־שטאַנד; אָבער בעהיטע גאָט, ווענען עס איז פון די ווערטהע לעזער זיך פערלאָזען אויף נסים, אָדער פיהלען איין טויזענדסטען חלק פון דעם מאַן׳ס מאָראַלישע און קערפּערליכע ליידען.

דר. לאַנדיס בוך

„דיא אויסגעלאסענע וועלט״

וועט קירצליך ערשיינען.

דער האלבער מענש

וועט ערשיינען

15־טער בוך.



צעהנטער קאַפּיטעל.

שוואַנגערען און וויא עלטערען דאַרפען זיך דאַן אויפפיהרען

עס זיינען דאַ לייטע וועלכע זאָגען, אַז עס לוינט זיך ניט צו פאָלגען אַ דאָקטאָר'ס עצות אין קיין אנגעלעגענהייט, איבערהויפּט אין הייראַט און געשלעכטליכען לעבען, והא ראיה, ער וויס פון איין מאַן אָדער איין פרוי, וועלכע האָבען געפאָלגט און געטהאָן אלעס וואָס דאָקטוירים האָבען זיי געהייסען, און דאָך איז ניט אַלעס געגאַנגען גלאַט. דר. לאַנדעס וועט אייך געבען אַ קליינע אַלעגאָריע, וועלכע וועט אייך ערקלערען בעסער, ווי אַ סך אַרגומענטען. שיפען, אונטער דער קאָמאַנדע פון גוטע קעפּטיינס, מיט אַריכטיגען קאָמפּאַס, געהען אמאָל אין אַ גאָווינע אונטער אין ים. אבער פאַר יעדען איינעם פון די אונגליקס־פעלע מיט אַ גוטען קעפּטיין און קאָמפּאַס, פּאַסירען הונדערט אַנדערע פעלע מיט שכור'ע קעפּטיינס אָהן קאָמפּאַסען אָדער ניט־ריכטיגע קאָמפּאַסען. די וואָס הייראַטהען אָהן אַ דאָקטאָר'ס עצות זיינען די שיפען מיט שכור'ע קעפּטיינס און אָהן קאָמפּאַסען; די פערנינפטיגע, וועלכע פערשטעהען די וויכטיגקייט פון וואָס זיי טהוען, זיינען די שיפען, וועלכע ווערען געפיהרט פון גוטע קעפּטיינס.

„שוואַנגערען" און „הערעדיטי" זיינען צוויי וויכטיגע פאַקטאָרען אין פערהייראַטהען לעבען; אן זיי הענגט אָב די צוקונפט פון דער וועלט. „הערעדיטי" מיינט ירושה, די מעלות, חסרונות, נייגונגען צו זיין קראַנק אָדער געזונד, כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט א. ז. וו., וועלכע ווערען איבערגעבען פון עלטערן צו קינדער. אין קאַפּיטעל וועגען הייראַטען האָט דר. לאַנדעס

דר. לאַנדעס „געזונד און לעבען" דאַרף יעדער לעזען. איהר געפינט עס אויף יעדען סטענד.

אייך געראטהען ווי צו הייראטהען ריכטיג, אבער הייראַטען ריכטיג מיינט נאָך ניט אַלעס. די געזעצע פון „הערעדיטי" ווערען זעהר שטאַרק בעאיינפלוסט דורך די אומשטענדען, אין וועלכע מאַן און פרוי געפינען זיך אין דער צייט ווען די פרוי טראָגט אונטער איהר האַרצען דעם צוקינפטיגען וועלט־בירגער. די מאָנאַטען ווען די פרוי שוואַנגערט איז די וויכטיגסטע צייט פון איהר לעבען און לעבען פון דעם קינד. זי ערפילט אַ שווערע פליכט, וועלכע איז איינע פון די ערשטע און הייליגסטע פליכטען פון דער נאַטור. ביידע, פאטער און מוטער, האָבען זייערע פליכטען צו טהון, און ווען ביידע זואָלטען עס ערפילט געטריי, וואָלט די וועלט געהאַט אַן אנדער פנים. א קינד געבאָרען אונטער ריכטיגע אומשטענדען, מיינט האַלב פערזיכערט מיט אַ גוטער צוקונפט.

ביי אַלע פעלקער, און איבערהויפט ביי אונז אידען, הערשען די נאַרישסטע מנהגים אין אבערגלויבענס וואָס אנבעלאַנגט די „שוואַנגער־פעריאָדע". ווייס איהר אפשר ניט, וואָס די ווייבער דערצעהלען זיך אָן פון „פערגלוסטען" זיך? מיט אמאָל פערגלוסט זיך זיי עפּעס, און דער אָרעמער מאַן, נעביך, מוז פיעלע מאָל אַרונטערלויפען זעקס שטיעגען ארויפצוברענגען אַ זויערען פיקעל אָדער עפּעס אַנאַנדער מין נאַרישקייט, וועלכע איז זעהר שעדליך צו דער פרוי'ס געזונד. דר. לאַנדעס וויל אייך דאָ זאָגען, דאָס דער פערגלוסטען זיך איז אַ נאַרישקייט, — ניט מעהר ווי אַן איינגערעדטע זאַך. די פרויען וועלכע עס פערגלוסט זיך זיי שעדליכע זאַכען, זאָלען זיך „אויסגלוסטען, און איבערהויפט דאַרפען פרויען אין „אַנדערע אומשטענדען" געדענקען, אַז דאָס פערגלוסטען זיך איז אַ ניט־נאָרמאַלע זאַך. ווען עס קומט יא, אָהנע זיך צו בעמיהען עס צו ענטוויקלען, אום אויסצוגעפינען ווי פיעל „משוגעת" אַ מאַן וועט אויסשטעהן, דאַן צייגט עס, דאָס דעם קערפער־געבוי פעהלט אוים אַ געוויסער

דורך ערנסטע אַרבייט האָט דר. לאַנדעס זיין סוקסעס,
140 איסט 22טע סטריט איז זיין אָפיס און אַדרעס.

נויטיגער עלעמענט, און בעראטהען זיך מיט א דאָקטאָר דאַן איז זעהר ראטהזאַם.

וואָסערע ארבייט מעג, קען און זאָל א פרוי טהון, ווען זי שוואַנגערט? זי מעג טהון אַלע ארבייט, נור מיט א מאָס. זי טאָר ניט אַרבייטען צו שווער. יעדער אָרגאַן אין איהר קערפּער, יעדער נערוור־פאָדים איז אָנגעשטרענגט טהוענדיג ארבייט פאַר צוויי. איהר בלוט ערהאַלט ביים לעבען און איז מפרנס צוויי לעבענס. צופיעל אַרבייט שעדיגט דעם לעבען פון ביידע, די מוטער און דאָס קינד. אונטער לייכטע ארבייט קען גערעכענט ווערען אַלע הויז־ארבייט, חוץ „וואַשען א גרויסע וועש" און הייבען שווערע זאכען, וועלכע קענען זיין שעדליך פאַר א סך פרויען. זיצען פערלעגט די הענד, ווי אנדערע פרויען טהוען, איז פיעל שעדליכער ווי ארבייטען צו שווער. די ערשטע בעדינגונג פאַר א געזונדע ענטוויקלונג, איז עקסערסייז פון וועלכען־עס־איז סאָרט: הויז־אַרבייט, א קליינער שפּאַציער־גאַנג, זיינען די בעסטע און לייכטסטע, און וואָס אַלע קענען זיך פערגינען.

דר. לאַנדעס געפינט דאָ אַלס זיין פליכט אויפמערקזאַם צו מאַכען די יונגע פרויען. די וועלכע דאַרפען ווערען מוטערס צום ערשטען מאָל, ניט צו גלויבען אין נאַרישע מעשיות וואָס זייערע קלוגע „נעקסט־דאָרינגע" שכנות דערצעהלען זיי. אין זיין פּראַק־טיק אין האָספּיטאַל פלעגט ער קומען אין בעריהרונג מיט פרויען, וועלכע פלעגען זיין איבערגעשראָקען אויף טויט פון גוטהערציגע שכנות, וועלכע פלעגען זיי דערצעהלען א סך מעשיות, וועלכע זיינען ניט אמת. די אויסערגעוועהנליכע שמערצען, די גרויסע סכנה, וואָס זיי בעשרייבען, די סגולות וועלכע זיי רעקאָמענדי־רען, זיינען באָבע־מעשיות. קיין פרוי מיט „קאָמאָן סענס" דאַרף אין דעם ניט גלויבען. זעלטען ווען וועלכער פּראָצעס אין לעבען קומט פאַר מיט א ריזיקע פאַר'ן לעבען גופא. אלעס נאָרמאַלע אין לעבען איז ניט געפעהרליך. אמת, לוידער היינטיגע צייטען,

„מאַן און פרוי" איז פון די ביכער,
וועלכע ברענגען נוצען פאַר יעדען גאַנץ זיכער.

פרויען דורך שווערע ארבייט ניט גינסטיגע אומשטענדען, די ניט פאָלקאָמענע ענטוויקלונג פון געוויסע קערפּערטהיילען, דורך בלינד פאָלגען די מאָדעס, מאַכט עס עטוואָס שווערער פאַר היינטיגע פרויען ווי פאַרצייטיגע. אבער די מעדיצינישע הילף, וועלכע מען קריעגט לייכטער היינטיגע צייטען און וועלכע איז פיעל מעהר ערפאַהרען ווי אמאָל, פערקלענערט די מעגליכקייט פון אונגליקספעלע. ליעבערסט פאָלגט וואָס גוטע דאָקטוירים הייסען, לעבט ווי געהעריג, פערגלוסט זיך ניט קיין שעדליכע זאַכען און טראַכט ניט פון קיין אונבעשריעבענע געפעהרליכע שמערצען. מעהרסטענס עקזיסטירען זיי נור אין דער פאַנטאַזיע פון נאַרישע ווייבער.

דער צוקינפטיגער פאטער האָט אויך זיינע פליכטען. זיי זיינען פונקט אזוו וויכטיג ווי די פון דער פרוי. ער מוז זיין פריינדליך און געטריי צו זיין פרוי. עס איז זיין היילינע פליכט צו פערזאָרגען די פרוי, ווי ווייט מעגליך, מיט אַלע בעקוועמליכקייטען וואָס ער קען אַפאָרדען. אזוי ווי זי מוז זיין אַהיים די מעהרסטע צייט, מוז ער זעהן דאָס איהר לעבען זאָל ניט זיין אומעטיג. ער מוז זעהן, דאָס זי זאָל האָבען אַלעס, אָהן וואָס זי קען זיך ניט בעגעהן. ער מוז ערמוטהיגען און איהר העלפען זיך אָבגעוועהנען פון שלעכטע געוואָהנהייטען, אויב זי האָט זיי; ניט מיט שרייען און ניט מיט אָבלאַכען, נור מיט גוטע פריינדליכע עצות און ווערטער. ער דאַרף זיין אַהיים אזוי אָפט ווי ער קען. ער זאָל איהר העלפען אין אַלעס און איהר געבען צו פיהלען, דאָס ער נעהמט אינטערעסע און אַנטהייל אין איהר לאַגע.

פרויען אין אלע אומשטענדען פון לעבען זיינען ניט מעהר ווי גרויסע קינדער, אבער קיינמאָל ניט אַזוי פיעל, ווי ווען זיי זיינען אין אַנדערע אומשטענדען, צו יענער צייט פיהלען זיי די כוויטיגקייט פון איינעם וואָס איז שטאַרקער פון זיי אין גייסט און קערפּער.

איז אין אייער מאַשין עפּעס ניט ריכטיג,
איז דער גאַנג צו דר. לאַנדעס זעהר וויכטיג.

מאַן און פרוי זאָלען ניט האָבען קיין „פערקעהר“ דורך דער צייט וואָס א פרוי איז אין אנדערע אומשטענדען. פון דער צייט וואָס א פרוי ווערט שוואַנגער, ביז צוויי אָדער דריי מאָנאַט נאָך דעם ווי זי גיט געבורט צו דעם קינד, זאָל דער מאַן מיט איהר ניט זיין צוזאַמען. דאָס זיינען די פליכטען וואָס נאַטור לעגט אַרויף אויף אלע לעבעדיגע בעשעפענישען, און זיי זאָלען געהיט ווערען. מענשען מעגען זיך נעהמען א מוסר פון חיות און בהמות. ביי קיינע פון די חיות, סיי הויזליכע אָדער ווילדע, פערקעהרען ניט די געשלעכטער ווען זיי שוואַנגערען, אויך ניט ווען זיי זייגען זייערע יונגע. עס ווערט פערצייכענט פון נאַטור־פאָרשער, און מענשען וועלכע קענען דאָס לעבען פון חיות, דאָס די מוטערס פערטרייבען און זאָגאַר פערוואונדען די פאַטערס, וועלכע פרובירען איבערטרעטען די געזעצען פון נאַטור. אויב איהר האָט געלעגענהייט צו בעטראַכטען דאָס לעבען פון אונזערע הויז־חיות, ווי דעם הונד אָדער קאַץ. קענט איהר דאָס גאַנץ לייכט אַליין בעמערקען. יעדער איינער פון אייך געדענקט געוויס די קאַץ, ווען זי האָט קליינע, פערטרייבט דעם קאטער, און לאָזט איהם ניט קומען נאָהענט, אפילו ווען ער וויל קומען, וואָס פאַסירט ניט אָפט. דאָסזעלבע מיט'ן הונד. אויב איהר זייט ווען געווען צו לאַנד, אָדער געוואָהנט אין א קליינע שטאָדט, וואו איהר האָט געקענט בעמערקען דאָס לעבען פון היהנער, וועלכע האָבען ניט קיין בעשטימטע היץ־פעריאָדען ווי אנדערע חיות, וואָלט איהר געקענט בעמערקען, דאָס אין די 21 טעג, ווען די הוהן זיצט אויף די אייער און ביז די קליינע הינדעלעך ווערען גרויס גענוג אויף זיך אליין אויפצופאַסען, געהט דער האָהן ניט צו איהר.

עס איז ווירקליך וואונדערבאר, דאָס מענשענקינדער מיסברויכען אַזוי דעם געשלעכטליכען פערקעהר. כמעט אַלע בעשעפענישען קומען זיך צוזאַמען בלויז אין בעשטימטע צייטען, ווען זיי האָבען זייערע „היץ“־פעריאָדען. ביי איינינע פאַסירט עס

די נייעסטע און בעסטע עלעקטרישע מאַשינען
קענט איהר ביי דר. לאַנדעס געפינען.

איין מאָל אין אַ יאהר, ווי ביים פערד און דער קוה; ביי אַנדערע, אַלע צוויי—דריי מאָנאַטען, ווי ביים הונד און דער קאַץ; ביי נאָך אַנדערע, איינמאָל אין מאָנאַט, ווי ביי דעם האָז; אבער עס זיינען דאָ בעשטימטע צייטען און געזעצען פון נאַטור. דער מענש, דער „בחיר היצירה“, ער איז דער איינציגער וואָס היט ניט די געזעצען פון נאַטור אין די אַנגעלעגענהייטען. דער פערברעכען פון סעקסועלען מיסברויך איז אַזוי אַלט, ווי די וועלט אַליין. פיעלע מענשען־קרבנות האָט עס געקאָסט, אבער ביז ניט לאַנג האָט קיינער ניט געהאַט די העזה צו רעדען וועגען דעם עפענטליך. דר. לאַנדעס ווייס, אַז מען קען ניט רעפאָרמירען די וועלט מיט אמאָל. דאָ איז אויך ניט דער פלאַץ דאָס צו דיסקוטירען, אבער אין פאַל פון שוואַנגערען און באַלד נאָכ'ן שוואַנגערען, דאַרף אַ מענש ניט זיין מעהר ווילדע חיה ווי די ווילדע חיה אַליין. ער דאַרף בעהערשען דעם פערדאָרבענעם, ברוטאַלען געפיהל, וואָס איז בלויז די פאָלגע פון ניט־נאָרמאַלע געדאַנקען און צוהיצטע פאַנטאַזיע. דאָס וועט ברענגען איהם, זיין פרוי און קינד גרויסע נוצען.

אין גיכען וועט ערשיינען

אַן העכסט אינטערעסאַנטער בוך

„געזונדע אמעריקא“

דיא ווייסע שקלאפען

וועט ערשיינען

18־טער בוך.



עלפטער קאפיטעל.

די ווירקונג פון עלטערען און אומ־שטענדען אויף קינדער איידער זיי ווערען געבאָרען

די גייסטיגע שטימונג און אומשטענדען פון דער פרוי דארפען זיין זעהר גינסטיג. די ווירקונג פון גוטער שטימונג און צופריעדענשטעלענדע אומשטענרען איז זעהר גרויס. עטליכע ביישפיעלע, וועלכע ווערען דאָ געבראכט, וועלען אייך דאָס איבערצייגען. אין כמעט אַלע פעלע ווערט דער כאראַקטער און צוקונפט פון דעם קינד געפאָרמירט דורך די מאָנאַטען וואָס דאָס קינד ווערט ענטוויקעלט. נאַפּאָלעאָן באָנאָפאַרטע, דער וואונ־דערמאַן פון 18טען יאָהרהונדערט, דער מאַן, וואָס האָט רעגיערט איבער די גאַנצע וועלט איז געווען דער פּראָדוקט פון דאָס, וואָס די ליעבענדע, איבערגעבענע עלטערן האָבען דורכגעלעבט און מיטגעמאַכט אין יענע געוויסע פעריאָדען פון לעבען. זיין מוטער און פאטער זיינען געווען פעראינטערעסירט און גענומען אַ טהעטיגען אנטהייל אין דעם בירגערקריעג, וואָס האָט דאַן שטאַטגעפונען אין קאָרסיקאַ. דער פאָטער איז געווען אַן אָפיציער אין דער ארמיי, די מוטער האָט איהם בעגלייט איבער־אל, און אונטער די ווירקונג פון דער מלחמה־צייט, דער מוטער'ס לעבען אין די זעלבע שטימונגען און האָפנונגען פון פאטער, איז געבאָרען געוואָרען נאַפּאָלעאָן. די ווירקונג פון דער מוטער'ס שטימונג האָט געמאַכט פון א קינד, וואָס וואָלט אונטער געוועהנליכע אומשטענדען געוועזן אַן ערד־ארבייטער אָדער אַ סוחר אין קאָרסיקא, אַ וועלט־העלד, דעם גרעסטען פעלד־הערר און אונשטערבליכע פיגור אין דער וועלט.

דר. לאַנדעס איז אַ ספּעציאַליסט אויף נערוועןן און מענער־קראַנקהייטען. זיין ראַטה איז פריי.

אין טשיקאגא האט פאסירט א שוידערליכער מארד. א יונגער מאן האט ערמארדעט זיין יונגע פרוי א מאנאט נאך דער חתונה אונטער פערדעכטיגע אומשטענדען. די שוידערליכקייט פון דער מערדעריי האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די מעדיציינישע וועלט. מען האט אויסגעפארשט זיין פערגאנגענהייט. זיין מוטער א — א גאנץ פיינע און רוהיגע פרוי, איז געווען די פרוי פון א מאן, וועמעס ארבייט איז בעשטאנען פון קוילענען בהמות אין סטאק־יארדס. זיין מוטער, ביי וועמען ער איז געווען דער ערשטער קינד פלעגט קומען אפט, ווען זי האט מיט איהם געשוואנגערט, צו איהר מאן און פיר שטונדען לאנג זיצען און אויפפאסען ווי ער פלעגט טהון זיין ארבייט. ווען דער קינד איז גרעסער געווארען, פלעגט ער פייניגען און שלאגען אלע קעץ און הינד אויפ'ן בלאק. ווען ער איז גרעסער געווארען, האט ער געארבייט אויף א וואגען; פיעל מאהל האט מען איהם אפגעזאגט פון זיינע שטעלען צוליעב אונבארעמהערציגקייט צו די פערד. ער איז געווען ברוטאל צו זיין מוטער און פאטער. און ווען ער האט געהייראטה, האט ער אונטער די ווירקונג פון א ווילדען אימפולס געקוילעט זיין פרוי. די ערקלערונג איז: זיין מוטער וועלכע איז געווען אין די סטאק־יארדס איז מיט דער צייט געווארען קאלטבלוטיג און געקענט גלייכגילטיג צוקוקען צו די ליידען פון אנדערע, און דאס קינד האט עס גע'ירש'נט.

א מערקווירדיגער צופאל, וועלכען דר. לאנדעס האט בייגעוואהנט אין זיין פראקטיס, פערדיענט א סך אויפמערקזאמקייט. א פרוי, וועלכע האט געדארפט ווערען מוטער צום צווייטען מאל אהן עס צו וויסען, איז געווען זעהר שטארק אונצופריעדען דאמיט. זי האט זיך געפיהלט אומגליקליך. די אומשטענדען זיינען ניט געווען גינסטיג דאצו: דאס ערשטע קינד בלויז איין האלב יאהר אלט, דער מאן האט געמאכט קליינע ווידזשעס, אויסגעמאטערט און אויסגעהארעוועט. זי האט זיך געפיהלט נידערשלאגען, זיך האט זיך שטארק געערגערט און ביינאה געוואר־

דער בוך „ביים פון לעבען" ענטהאלט אלעס וואס איהר דארפט וויסען. שיקט נאך א פרייע קאפיע.

רען אַ „נערוועזע חורבה“. פיעלע מאָהל פון גרויס יאוש פלעגט זי זיך שלאָגען דעם קאָפּ אָן וואנד. גליקליכערווייזע האָט דער מאַן ענמדעקט דעם שרעקליכען צושטאַנד פון זיין פרוי. אָבוואָהל ער וויים, דאָס דר. לאַנדעס בעהאַנדעלט ניט קיין פרויען, איז ער געקומען איהם פרעגען אַן עצה. ער האָט דר. לאַנדעס'ן גוט געקענט. ער האָט איהם אַ מאָהל אויסגעהיילט פון אַ נערוועזע קראנקהייט. דר. לאַנדעס האָט איהם געגעבען פיעלע עצות, וואָס האָבען פיעל פערבעסערט די אומשטענדען פון דער פרוי. דר. לאַנדעס, זייענדיג פעראינטערעסירט אין דעם פאַל, האָט עס נאָכגעפאָלגט. דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען שוואַך, קליין און מאָגער. נערוועז איז ניט דער נאָמען דאַפיר. דער אַמעריקאַנער נאָמען „אַ באָנדעל נערווס“ פאַסט זיך בעסער דאַצו. עס האָט ניט גוט געשלאָפען, זיך ניט גוט ענטוויקעלט. ווען ער איז עלטער געוואָרען, געוואָרען 3—4 יאָהר, ווען ער פלעגט ווערען אין כעס אָדער פערצווייפעלט, פלעגט ער מאכען אַלע „קונץשטיק“, וואָס די מוטער האָט געטהאָן ווען זי איז געווען אין „אַנדערע אומשטענדען“. מיט טרעהרען אין די אויגען פלעגט זי זעהן דאָס קינד, וואָס איז געווען זעהר אַ געוואונשענער גאסט נאָכדעם ווי ער איז שוין געקומען, קלאַפּענדיג זיין קליינע קעפּעלע אָן וואַנד. געוויס האָט די מוטער דאפון געליטען, אָבער שפּעטיגע חרטה טהוט קיינעם ניט פיעל גוטס. די מוטער איז ניט פיעל צו בעשולדיגען. זי האָט ניט געוואוסט בעסערס.

דר. לאַנדעס וואָלט געקענט פערשרייבען אַ גאַנצען בוך פון די פעלע, וועלכע ער האָט אַליין בייגעוואָהנט, און די, וועלכע ער האָט געלעזען אין די מעדיצינישע ליטעראַטור. ער וועט אייך דאָ איבערגעבען בלויז איין גוט בעקאַנטען פאַל, וועלכער וועט אייך צייגען, דאָס די מוטער אין צייט פון טראָגען איז אַ זעהר וויכטיגער פאקטאָר אין פאָרמירען דעם כאַראַקטער פון אַ קינד.

מיט אַ פּאָאָר יאָהר צוריק האָט גאַנץ אמעריקא און ניו־

„געזונד און לעבען“, דר. לאַנדעס זשורנאַל,
איז געווידמעט צו היגיענע און ריינליכקייט.

יאָרק סטייט איבערהויפּט געקאָכט מיט אַ שרעקליכען מערדערפאַל. א יונגער מאַן מיט'ן נאָמען דזשילעט, א גוטער, פרומער און אַ שטילער, אַ קינד פון פיינע עלטערן, האָט ארויסגענומען אַ מיידעל זיך צו שיפען אויפ'ן לייק. די מיידעל, וועלכע האָט געדאַרפט אין אַ קורצע צייט ווערען אַ מוטער צו זיינעם אַ קינד פלעגט איהם דערמאָנען פון זיינע פליכטען, און ער האָט דאַריבער בעשלאָסען פון איהר פטור צו ווערען. ווען זיי זיינען געווען אין מיטען טייך, האָט ער איהר ארויסגעוואָרפען פון שיפעל און ווען זי, האַלטענדיג זיך אויפ'ן וואסער פיר אַ פּאָאָר מינוטען האָט זיך געבעטען ער זאָל איהר ראַטעווען, האָט ער איהר געגעבען עטליכע קלעפּ מיט'ן רודער איבער'ן קאָפּ. קיין הערצרייסענדערע טראַגעדיע, קיין שרעקליכערער מאָרד האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט אין די קרייזען פון גאָט־פירכטענדע, אנשטענדיגע מענשען אין די קליינע שטעדטעל, וואו די דזילעטס האָבען געוואָהנט. זיינע עלטערען און פאַמיליע, אַלע אנשטענדיגע מענשען, האָבען געשווידערט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. זיי האָבען פּרובירט דערצעהלען פערשיעדענע געשיכטען אום אָפּצואווישען דעם פלעק פון דער מישפּחה. זיין מוטער, מאַדאַם דזילעט, האָט געהאַנדעלט ווי אַ בראווע פרוי דאַרף האַנדלען. זי איז אַוועק צו איהר קינד אין פריזאָן, און ווען ער האָט זיך מודה געווען אין זיין שולד, האָט זי געזאָגט, דאָס ער מוז זיין בערייט צו בעצאָהלען מיט זיין לעבען פיר זיין גרויזאַמען פערברעכען. זי איז מיט איהם שטענדיג געווען און לייבטער געמאַכט זיינע לײדען ביז ער איז געשטאָרבען אויף דעם עלעקטריק טשער.

אַ קורצע צייט נאָך זיין עקזעקוציאָן האָט זי געשריעבען אַן אַרטיקעל אין אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל. איהר בריעף דאַרף דיענען אַלס מוסר צו פרויען און מענער, ווייל פון מענער הענגט אָב זייער פיעל דער צושטאַנד פון די פרויען צו יענער צייט. זי

דר. לאַנדעס אָפּיס איז אין 140 איסט 22 טע סטריט,
אויב איהר פיהלט זיך ניט גוט, קומט איהם זעהן.

נעהמט אויף זיך כמעט דעם גאַנצען שולד פון איהר זוהן'ס שרעקליכען טהאַט.

איהר זוהן, איהר ערשט־געבאָרענער, איז געקומען גאַנץ אונגעוואונשען. זי איז געווען נור וואָס פערהייראַטה, האָט געוואָלט אַ ביסעל פערזוכען דעם טעם פון לעבען. און דאָ האָט זיך אונטערגערוקט דאָס קינד. זי האָט אַזוי געהאַסט די געדאַנקען פון „שוואַנגערען", דאָס זי האָט זיך אַליין געהאַסט, האָט אין דער גאַנצער צייט ניט געקענט טראַכטען דערפון, דאָס זי שוואַנגערט און דאַרף ווערען מוטער. פיר אַ לאַנגע צייט נאָך זיין געבורט איז ער געווען ניט ווילקאָמען.

מען קען לייכט זעהן ווי די אַלע געדאַנקען און מיינונגען, וועלכע דאָס קינד האָט געקריגען דורך די צייט פון ענטוויקלונג אין מוטער'ס לייב און מיט די מוטער'ס מילך, האָבען אַזוי געווירקט, דאָס די געפיהלען און אימפולסען זיינען ניט געבראָכען און ניט קאָנטראָלירט געוואָרען דורך די לאַנגע יאָהרען פון ריכטיגען אויפברענגען, רעליגיעזע לעהרען און אומשטענדען. ווען די מיידעל איז געוואָרען שוואַנגער און געדאַרפט ווערען מוטער, איהרע רייד צו איהם, אַנשטאָט וויך צו מאַכען זיין האַרץ, האָט ארויסגעבראַכט די עקעלהאַפסטע, שוידערליכסטע געפיהלען, וועלכע די מוטער האָט געהאַט, ווען זי האָט מיט איהם געשוואַנגערט, און דורך זייער איינדרוק איז ער בעגאַנגען דעם פערברעכען.

אַלס בעווייזע צו די ריכטיגקייט פון איהרע רייד, האָט זי אויך דערצעהלט די לעבענס־בעשרייבונג, טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער פון איהרע אַנדערע קינדער. זי האָט געהאַט פיער טעכטער און יעדע איז געווען מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט און לאַהנונג ווי זי איז געווען אין דער צייט ווען זיי זיינען געווען אונטער איהר האַרץ. איינע איז געווען זעהר ערנסט, פלעגט לעזען אַ סך ביכער, האָט ניט ליעב געהאַט אַ סך צו ריידען. די מוטער האָט צו יענער צייט געוואָהנט אין אַ נייען געגענד, צווישען פרעמדע מענשען; זי האָט ניט געקענט פיעלע מענשען און האָט

דר. לאַנדעס איז אַ ספּעציאַליסט אויף נערוועז און מעגער קראַנקהייטען. זיין ראַטה איז פריי.

נעט פיעל פערקעהרט אין געזעלשאפט. זי האט געלעזען פיעל און איז געווען ערנסט געזאָנען, צו יענער צייט פערשטעהענדיג און אכטענדיג די וויכטיגקייט פון ווערען מוטער.

די צווייטע איז געווען לעבענסלוסטיג, ליעבהאָבערין פון לעבען אין דרויסען, פלעגט פיעל לאכען און ליעב האָבען צו רייטען אויף פערד, און פון אַ זעהר ראָמאַנטישען כאַראַקטער. די מוטער האָט צו יענער צייט פערבראכט איהר וואָקיישען אויף די בערג מיט איהר מאַן, וועמען זי האָט שטארק געליעבט, האָט פיעל געלעבט אין דעם פרייען לופט; האָט געהאַט אַ סך שפּאַס, געריטען אויף פערד און געהאַט פערגניגען פון לעבען.

אַזוי האָבען זיך אויך נאָכגעפאָלגט די לעבענס פון אלע איהרע קינדער. דיעזע ביישפּיעלע וועלען זיין גענוג צו ווייזען אויף וויפיעל איינדרוק און ווירקונג עס האָט די שטימונג פון עלטערן אויף די קינדער.

אין דייטשלאַנד איז אַ פרוי געווען אין אַנדערע אומשטענדען. זי האָט זעהר ליעב געהאַט זינגען און געווען זעהר מוזיקאַליש געזאָנען. פאר די גאַנצע צייט פון שוואַנגערין האָט זי אימער געטראַכט פון מוזיק, געלעזען מוזיקאַלישע ביכער, געהערט די בעסטע זינגער. דאָס קינד, אַ מיידעל, איז אויפגעוואַקסען איינע פון די בעריהמטעסטע זינגערינס אין דייטשלאַנד. דאָס איז אויך נאָך אַבעוויז וויפיעל געדאַנקען און אומשטענדען האָבען צו טהון מיט'ן קינד'ס כאַראַקטער.

„דעמעדזשד גודס"

די דראַמא וועגען וועלכע אלע רעדען

וועט באַלד ערשיינען אין אידיש.

נערוועאישע אמעריקא

וועט ערשיינען

16-טער בוך.

צוועלפטער קאפיטעל.

אורזאַכען פון צושטערטע פאמיליע לעבענס

צווישען אפטע אורזאכען, וועלכע צושטערען דאס פאמיליען לעבען און ברייגגען שאנדע און אומגליק אויף די פרויען און קינדער און זיינען די „ניט אפיציעלע" אורזאכען פון גט'ן זיך, זיינען אימפאטענץ (פערלארענע מענער־קראפט)—דער רעזולטאט פון זעלבסט־בעפרידיגונג, וועגערישע קראנקהייטען— דער רעזולטאט מייסטענס פון צולאזענעם לעבען. דיביידע אויבען דערמאהנטע אורזאכען וואלטען זייער לייכט געקענט פערהיט ווערען, ווען מענשען וואלטען מעהר געוואוסט פון אלע אנגעלעגענהייטען. זעלטען ווען א מענש וואלט געגאנגען אויפ'ן וועג צום זיבערען אונטערגאנג ווען ער וואלט געוואוסט די שוידערליכע פאלגען פון וואס ער טהוט.

„אימפאטענץ" איז אן ערשיינונג וואס ווערט נאך דערמאהנט אין די ליטעראטור פון אוהר אלטע צייטען. פון אימער אן האט עס געהאט א שרעקענדען עפעקט אויף די מענער. פערשיעדענע אבער־גלויבענס האבען עקסעסטירט צווישען אלע פעלקער און עס איז אינטערעסאנט צו לעזען וועגען זיי אין אונזערע צייטען, ווען די וועלט האט אזוי וויט פראגרעסירט. די איינוואהנער פון אמבאניע, א פראווינץ אין אפריקא, גלויבען דאס עס עקסעסטירט א מכשף מיט'ן נאמען פאנטיאנעק, וועלכער גנב'ט די געשלעכטליכע ארגאנען ניט נור פון קינדער, נור אויך פון ערוואקסענע. די איינוואהנער פון סאויטה־סעלעבעס שרעקען זיך אימער פאר א שלעכטען גייסט, וואס רויבט אוועק פון מענער זייער מענער קראפט. אויך אין די פאלקס־ליעדער

לעזט און פערשפרייט דר. לאנדעס צייטשריפט „געזונד און לעבען"; עס איז ווערטה זיין געוויכט אין גאלד.

פון אייראפייאישע פעלקער ווערט דערמאהנט די זעלבע אבער־גלויבענעס. פערשיעדענע סגולות, קמיעות און מיטלען פלעגען פערקויפט ווערען פון מכשפים, היילינע און סתם גרויסע „מחותנים“ מיט די שלעכטע גייסטער, עס צו פערהיטען. ביי אונזערע אידען עקסעסטירען אויך פיעלע אבערגלויבענס אין דעם הינזיכט. דער אלטער אידישער מנהג פון ניט לאזען חתן־כלה אהן שומרים, די נאכט פון דער חתונה, מעגליך שטאמט אויך דערפון. ווי לעכערליך עס קלינגט היינטיגע צייטען!

אם מייסטען, דיינקט דר. לאנדעס, איז אימפאטענץ די פאלגונג פון „זעלבסט־בעפרידיגונג“, וועלכע איז בעגאנגען גע־ווארען אין די איינגערע יאהרען און וועלכע איז קיינמאהל ניט בעהאנדעלט געווארען.

די נאטור האט זאנדערבארע וועגען אין בעשטראפען פיר פערברעכענס געגען איהר. זינד געגען דער נאטור ווערען פיעלע מאהל בעשטראפט מיט יאהרען שפעטער, אויב די עפעקטען פון דער העסליכער געוואהנהייט זיינען ניט געהיילט געווארען. פיעלע יונגע לייט דענקען דאס די בעסטע רפואה צו „מאסטור־ביישען“ (זעלבסט בעפרידיגונג) איז חתונה האבען, אהן עס פריהער צו בעהאנדלען. חתונה האבען איז א גוטער מיטעל, אבער דער פאציענט מוז פריהער בעהאנדעלט ווערען און קריי־גען אן עצה פון א דאקטאר דארויף. עס איז פונקט ווי איהר וואלט צוגעלייגט פייער צו לעשען א העלישען פלאם. חתונה האבען צורייצט נאך מעהר דעם צווילדערטען יצר־הרע. ער רואינירט אין גאנצען זיין שוואכען געזונד, אויף דעם צושטאנד פון זיין פרוי און קינדער. אויב ער איז נאך פעהיג צו האבען קינדער, זיינען די קינדער שוועכליכע און האלבע אידיאטען. מען איז געוואהנט צו גלויבען דאס ווען לייטע זיינען פער־הייראטה און האבען ניט קיין קינדער, דאס עס איז דער שולד פון די פרויען. אין דער 3 פעלער פון 4 איז עס דער שולד פון מאן. דער פאקט דאס דער מאן קען ארויסברייגען „זרע“ אין

דר. לאנדעס זאגט ניט צו קיין אונמעגליכעס, ער טהוט בלויז אלעס וואס מען קען טהון צו היילען קראנקע.

געשלעכטליכען פערקעהר, איז ניט קיין ראיה דאס ער האט אין זיך לעבענס־קרעפטע. אין זעהר פיעלע פעלער ענטהאלט די „זרע" זעהר ווייניג אדער זעהר שוואכע „ספערמאטאזאען".

דאס איז אויך איינע פון די פאלגען פון „מאסטורביישאן".

„ספערמאטאזאען" זיינען די קליינע קערפערלעך, וועלכע זיינען די אקטיווע אגענטען אין פעמעהרונגס־פראצעס. (אויב איהר ווילט וויסען מעהר וועגען דעריין, לעזט דר. לאנדע'ס בוך: „די הייראטה"). דר. לאנדעס אין זיין בוך „זינד געגען דער נאטור" (קאפיטעל 14) ערקלעהרט אין איינצעלהייטען די שרעקליכע ווירקונגען פון זעלבסט בעפרידיגונג. דא וויל ער בלויז איבערזאגען די וויכטיגסטע.

אויסער וואס די געוואהנהייט צושטערט אלע קערפערליכע אברים, מאכט עס אויך חרוב דעם גייסט און די געדאנקען. אין מענשען עקסעסטירט א הארמאנישע און סימפאטישע פערבינדונג צווישען די מאראלע געפיהלען און די קערפערליכע סיסטעם. איינער ליידעט פיר די אנדערע. אין די יוגענד איז די זעלבסט בעפרידיגונג מעהר געפעהרליך אלס אין די עלטערע יאהרען ווען דער קערפער איז פאלשטענדיג ענטוויקעלט און דער מאן ערדייכט דעם פולען פיזישען ענטוויקלונג. עס איז שעדליך צו יעדען עלטער און די פאלגונגען זיינען זעהר טרויעריג. די יונגע לייט וועלכע טהוען עס, הערען אויף זיך צו ענטוויקלען אי קערפערליך אי גייסטליך. זיי בלייבען גייסטליכע קאליקען, קענען גארניט אויפטהאן ניט פיר זיך און ניט פיר דער וועלט. דאס איז די אורזאכע דאס פיעלע קינדער אין די פאבליק סקוהלס, הא־יסקוהלס און קאלעדזשעס ווערען פערדעכענט פיר דומקעפ און בלייבען הינטערשטעליג.

דער אפפער פון זעלבסט־בעפרידיגונג פערליערט אין גאנצען די פרישקייט, לעבעדיגקייט און אויפריכטיגקייט און אנשטאט דעם קומט דער טעמפער, בלאנקער, אבגעלעבטע־

דר. לאנדעס האט אלע מאדערנע מיטלען
צו בעהאנדלען און צו אונטערזוכען קראנקע.

צושטאַנד, וואָס ווערט אימער ערגער און מיט דער צייט אַזוי שלעכט אַז עס איז שרעקליך צוצוזעהען. די אויגען פערלירען זייער גלאַנץ און לעבעדיגקייט. זיי ווערען מאַט און בעמערקון ניט זאַכען מיט אַזאַ אויפריכטיגקייט ווי אַמאָהל. אַלע געזיכטסציגע ווערען פערענדערט און דער גאַנצער אויסזעהען איז אַזאַ וואָס דריקט גאָר ניט אויס. דער פערזאָן שעהמט זיך צו קוקען אימעצען גלייך אין געזיכט, און ווען ער וואַגט עס ווי אַמאָהל צו טהון, ווערט ער באַלד רויט פון שאַנדע. צו די ענדערונג פון אויסזעהען קומט נאָך די אָבשוואַכונג פון די מוסקלען, אַ שווערינקייט צו בעוועגען דעם קערפער, אַ שוואַכקייט אין די אינטעלעקטועלע אייגענשאַפטען, די געדאַנקען ווערען טעמפער, דאָס פערדייאונגס סיסטעם איז ניט אומשטאַנדע צו פערדייען דאָס עסען, דער אַפעטיט ווערט קלענער, און אָפטע האַרץ־קלאַפעניש, די ענדערונג אין דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער, די מעלאַנכאָלי שטאַרקער, די נייגונג צו איינזאַמקייט מעהרער. דאָס איז אַ בילד פון אַ מענשען וואָס ווערט אַ צובראָכענער שאַרבען דורך אונוויסענהייט.

די געשלעכטליכע אָרגאַנען אליין ליידען אויך זעהר פיעל פון „מאַסטורביישען". זיי פערלירען זייער נאַטירליכע פאָרמען און ווערען אָבגעשוואַכט. זאַמען פערלוסט גאָר אירגענד וועלכע אויפרעגונג ווערט אימער אָפטער און אָפטער. ענדליך ווערען די אָרגאַנען אַזוי אָבגעשוואַכט דאָס זיי ענטזאַגען זיך צו ערפיהלען זייערע פליכטען אויף אַ נאַטירליכען וועג. אַלס בעסטע איבערציינונג, וועט איך דיגען אַ בריעף פון אַ פּאַציענט, וועלכען דר. לאַנדעס האָט עבען ערהאַלטען.

עס ווערט דאַ קאַפירט וואָרט אין וואָרט און וועט אייך צייגען ווי ריכטיג דר. לאַנדעס' ווערטער און עצות זיינען. זיי זיינען געמיינט צוליעב אייער טובה.

דר. לאַנדעס אַדרעס איז 140 א. 22 סט.

זיין רעטה איז פריי. יעדער ווילקאָמען.

חתונה איז בעשטימט. איך שרעק זיך זעהר, דאָס איך ווע. איהר ניט קענען צופריעדענשטעלען. אלזאָ ווענדע איך מיך צו אייך, העדר דאָקטאָר לאַנדעס, נאָך אַן עצה. איך האָב פון אייך אזוי פיעל געהערט און אייערע ביכער געלעזען. איז פאַראַנען אַ האָפנונג פאַר מיר איך זאָל ווען־עס־איז קענען הייראַטהען? אויב ניט, בלייבט מיר איין וועג, בעגעהן זעבסטמאָרד.

איך האָף דאָס איהר וועט מיר פערצייהען פיר מיין לאַנגען ניט־גוט געשריעבענעם בריעף. שיקט מיר אַן עצה, ראַטעוועט מיין לעבען און מיין צוקונפט. כי נפשי בבקשתי.

אכטונגספאָל,

דזש. ה.

אזעלכע בריעף קריעגט ער טאָג איין טאָג אויס, פיעלע צעהנדליגע און הונדערטע. דער בריעף דאַרף קיינע פרושים, אבוואָהל פיעל וואָלט געקענט געזאָגט ווערען. לעזט איבער דעם בריעף אויפמערקזאַם, דאָרט האָט איהר דעם נאַקעטען אמת מיט זיינע שוידערליכע פאָלגען. קיין מליצה, קיין מוסר, קיין גרויסע ווערטער, בלויז דער שוואַרצער, נאַקעטער לעבען מיט זיין גרויזאַם פנים. נעהמט זיך אַ מוסר פון יענעמס ליידען, קעהרט זיך צוריק פון אייערע שלעכטע וועגען איידער עס איז צו שפעט. עס איז קיינמאָל צו שפעט, אָבער וואָס פריהער דעסטאָ בעסער. פאַלט ניט אַריין אין טייוועל'ס הענד, און טאָמער זייט איהר אַריינגעפאַלען, רייסט זיך אַרויס וואָס שנעלער. מיט די לעצטע כחות אבער רייסט זיך אַרויס! עס איז פול ווערטה די מיה. קומט צו דר. לאַנדעס, זיין טהיר איז אימער אָפען פאַר אייך. איהר זייט אימער ווילקאָמען.

מישיגען, 6טער פעברואר, 1913.

פיעל געעהרטער דר. לאנדעס: —

איך האף דאס איהר וועט איבערלעזען דיעזען בריעף אויפמערקזאם. און פיליכט וועט איהר מיך נאך קענען רעטען, ווייל איהר זייט מיין לעצטע האפנונג. מיט 10 יאהר צוריק, ווען איך בין אלט געוועז 15 יאהר, זייענדיג אין רוסלאנד, האט מיר א באי געציינט דאס מען קען זיך צופריעדענשטעלען, נים יוזענדיג קיין פרוי. איך האב דאס אויך געטריט און עס איז מיר געפעלען. פון דאן אן האב איך דאס אנגעפאנגען טהון יעדען טאג, און אפטמאל צוויי מאל א טאג. אין דערזעלבער צייט בין איך גגאנגען צו אויסגעלאסענע פרויען. מיט זעקס יאהר צוריק בין איך אריבערגעקומען אין אמעריקא און זיך בעזעצט אין שיקאגא. ערשט דאן האב איך מיך אריינגעווארפען אין דעם לעבען פון אויסגעלאסענהייט, און אין דערזעלבער צייט האב איך נאך אלץ געזינדיגט געגען מיין קערפער און געגען דער נאטור. מיט דריי יאהר צוריק בין איך קראנק געווארען אויף א מעגער־קראנקהייט. עס איז נים געוועזן קיין ערנסטע (??? דר. ל. ל.) קראנקהייט, דאך האט עס גענומען איבער א יאהר עס אויסצוהיילען. אפילו זייענדיג קראנק האב איך פארטגעזעצט צו זינדיגען געגען די נאטור ווי פריהער. מיט פיער מאנאטען צוריק, ווען איך בין געגאנגען צו א פרוי, האב איך אויסגעפונען, דאס איך קען נים האבען קיין פערקעהר. אלע מיהע פון דער פרוי מיך אויפצורעגען איז געוועזן אומזיסט, און איך האב אבגעלאזען די נאטור אין בעט. איך האב זיך שטארק דערשראקען, איך האב געסטאפט טהון די זאכען פאר דריי מאנאט, דאן בין איך ווידער געגאנגען צו א פרוי. ווידער דער זעלבער רעזולטאט—נים געקענט מיט איהר צוזאמענקומען.

יעצט פיהל איך זיך אונגליקליך און מוטהלאז. איך בין ענגיידזשד מיט א מיידעל, אן ארענטליכע קינד און אונזער

דר. לאנדעס אדרעסע פערגעסט נים,

עס איז אין 140 איסט 22טע סטריט.

דרייצעהנטער קאפיטעל.

דער תלמוד וועגען „אנאניזם“, ווע-נערישע קראנקהייטען און פאמיליען-לעבען

די אידישע געלעהרטע שפרעכען זיך אויס זעהר שטארק געגען די גרויסע געפאהר, וואס שטעקט אין זעלבסט-בעפריעדיגונג.

אין „אבן העזר“, צווישען פיעלעס אנדערע, ווערט געזאגט:

א) „עס איז פערבאטען אויסצוברענגען „זרע“ אין ניוועץ. דאס איז איינער פון די הארבסטע עבירות פון דער תורה. דעריבער זאל א מענש נים בעגעהן קיין נים „פולען פערקעהר“, אדער חתונה האבען מיט א „קטנה“ וואס איז נים פעהיג צו שוואנגערען.

ב) די וואס בעגעהען דעם פערברעכען אין זייערע הענד, נים גענוג וואס זיי בעגעהן א גרויסען פערברעכען, און די וואס טהון עס זיינען „בנידוי“, נור אויף זיי ווערט געזאגט אין פסוק „ידיכם דמים מלאו“, „אייערע הענד זיינען פול מיט בלוט“, און זייער זינד איז אזוי גרויס, ווי זיי וואלטען גע'הרג'עט א מענשען.

ג) א מענש זאל נים טראכטען פון די זאכען, און טאמער פאלט עס איין אין גדאנקען זאל ער זיי פערטרייבען אדער טראכטען פון תורה.

ד) א מאן זאל נים שלאפען אויפ'ן רוקען מיט'ן פנים אין דער הויך. (עס רעגט אויף די געשלעכטליכע גליעדער. דר: ל. ל.)

א מאן זאל נים קוקען אויף בהמות, חיות און עופות ווען זיי האבען געשלעכטליכען פערקעהר.

היט זיך פון באבסקע רפואות, פערלאזט זיך נים אויף א נס. 140 איסט 22טע סטריט איז דאקטאר לאנדעם אדרעס.

ה) אַ ניט־פערהייראַטער מאַן זאָל ניט אריינשטעקען זיינע הענד צווישען די פיס, אום ער זאָל ניט קומען צו „הרהור עברה" סיידען ווען ער דארף געהן אויף די צרכים.

ו) אַ מאַן זאָל ניט האָבען קיין געשלעכטליכען פערקעהר מיט אַ פרוי, ביי וועמען די מוטער־לייב איז פערשטאָפּט, ווייל עס איז דאָסזעלבע ווי אויסברענגען „זרע" אין ניוועץ.

די הייליגע תורה איז געווען נאָך שטרענגער. דאָרט ווערט געזאָגט: „ואיש כי תצא ממנו שכבת זרע ורחץ במים את כל בשרו וטמא עד הערב". אַ מאַן, וועלכער פערליערט „זרע" זאָל וואַשען זיין גאַנצען לייב אין וואַסער און זאָל זיין טמא (אומריין) ביז'ן אבענד.

ווענערישע קראַנקהייטען זיינען די אורזאַכען פון מעהר שמערצען, קראַנקהייטען, פערשיעדענע אונגליקספעלע, פריהצייטיגע טויטען, צובראָכענע לעבענס, ווי פון אַלע אנדערע קראַנקהייטען צוזאַמענגענומען. עס קען אויסקוקען פערגרעסערט אָדער די גרעסטע פּראָצענט פון פאָלק איז אָנגעשטעקט מיט איינע אדער אנדערע וועגערישע קראַנקהייטען אדער דירעקטע און אינדירעקטע פאָלגען פון זיי. די נייגונגען פון פערשיעדענע פערזאָנען אונטער גינסטיגע אומשטענדען צו פאַלען קרבנות פון די קראַנקהייטען „גאָוט" (רומאַטיזם אין די געלינקען), „דיעביטים" (צוקער־קראַנקהייט) און פיעלע אנדערע, זיינען די פאָלגען פון אונטערגעבראָכענע וואָרצלען פון געזונדהייט וועלכע געהט שוין אָן פאַר דורות.

מענשען זיינען די איינציגע בעשעפענישען, וועלכע ליידען פון וועגערישע קראַנקהייטען. עס איז מערקווירדיג, דאָס מען קען קיין חיה ניט אָנשטעקען מיט דיעזע קראַנקהייטען, ווי פיעל מען זאָל ניט פרובירען. די „מאָנקים" זיינען די איין־איינציגע, וועלכע קענען יאָ אָנגעשטעקט ווערען. דער פאַקט דאָס עס איז בלויז אַ קראַנקהייט פון מענשען־געשלעכט, צייגט, דאָס מענשען זיינען אונטערוואָרפען אונטער מאָראַלישע געזעצען אין

„טהרת המשפחה", די „הייראַטה" און אנדערע ביכער פון דאָקטאָר לאַנדעס וועלען אייך בילדען זיכער.

געשלעכטליכען פערקעהר. עס צייגט, אז מענשען דארפען פערשטעהן און אכטען די היילינע געזעצע פון פערמעהרונג. די גרויזאמע שטראפען אליין, וואס קומען פאר מיסברויכען נאטור'ס געזעצען, דארפען אבשרעקען די וועלכע ווילען ניט אדער קענען ניט פערשטעהן.

וועגערישע קראנקהייטען, צוליעב זייער פערבעהאלטענעם כאראקטער און דומע בעשיידענהייט וועלכע הערשט אין פובליקום וועגען זיי, זיינען מעהר פערשפרייט ווי אנדערע קראנקהייטען און שעדיגט מענשען אין די טויזענדער. ניט איין מאן איז געפאלען אלס קרבן פון זיי און פעראונגליקט זיין פאמיליע, דורך זיך שעהמען צו היילען פון אנשטעקיגע געשלעכטס־קראנקהייטען, אדער פשוט ניט וויסענדיג די ערנסטקייט און כאראקטער פון דער קראנקהייט. דר. לאנדעס האט אין זיינע פיעלע ביכער און צייטשריפטען געשריעבען וועגען די אלע וועגערישע קראנקהייטען. אין דער נאהענטער צוקונפט וועט ערשיינען זיין בוך „דער טייוועל“, וואס בעשרייבט אלעס וועגען „סיפילים“.

דא וועט דר. לאנדעס בלויז זאגען דאס וויכטיגסטע וועגען דעם. ער וויל איהר זאלט געדענקען, און פערשרייבען אין אייערע הערצער און געדאנקען, דאס די געשלעכטס־קראנקהייטען זיינען אין א געוויסער צייט פון זייער ענטוויקלונג היילבאר. „גאנאריע“ מיט איהר פאלגען ווי „גליעט“, געלינקען־רומאטיזם, שוואכע הארץ, צושטערטע נערווען סיסטעם א. ז. וו. סיפילים אין זיינע פיעלע פארמען, פון די לייכטסטע, וואו דער פראטאזאן „ספיראקיט פעלידיום“ קען קוים ענטדעקט ווערען אין די בלוט דורך מיקראסקאפישע אונטערזוכונגען, ביז די שטרענגסטע ווען דעם אונגליקליכען מענשענ'ס קערפער צופאלט פשוט אין שטיקער, די אלע אנדערע דירעקטע און אינדירעקטע קראנקהייטען, וועלכע שטאמען אין געשלעכטליכען מיסברויך, זיינען אלע היילבאר צו א געוויסער צייט. די צייט איז, אזוי שנעל

זיינען שוואך די נערווען און געהירען?

דר. לאנדעס גיט זיי קראפט צו רעגיערען.

ווי עס ווערט פערדעכטיגט אזוי שנעל מוז גענומען ווערען שריטע אום עס אויסצוראטען. איהר האט געוויס געלעזען ווי יארמייען האלטען ביטערע מלחמות, פערליערען טויזענדע מענשען־לעבענס, פערגיסען בלוט אין טייכען צוליעב איין פוס פלאץ פון זייער פאזיציאן. אזוי דארף זיין מיט אייער געזונד. לאזט ניט קיין קראנקהייט פערנעהמען א פלאץ אין אייער קערפערגעבוי. פערטרייבט עס וואס אם שנעלסטען. פער־טרייבט עס מיט'ן זיכערסטען מיטעל. איהר קענט וועגען דעם גארניט בעשליסען. א דאקטאר מוז אייך העלפען. איהר מוזט זיך פערלאזען אויף זיין ראטה. אויב איהר זייט אין צווייפעל, לאזט א גוטען ספעציאליסט פאר אייך אלעם בעשליסען.

פערלאזט זיך ניט אויף נסים, אז אלעס וועט אוועקגעהן פון זיך אליין, איבערהויפט ניט אויף חברים־עצות. עס פאסירט קיינמאל ניט. ניט איינמאל זיינען געקומען צו דר. לאנדעס מענשען מיט פערנאכלעסיגטע קראקהייטען, אלט עטליכע יאהר, זייער קערפער רואינירט, די סיסטעם אנגעזאפט מיט די שעד־ליכע גיפטען פון קראנקהייטען. הימעל! נאטור היילט אליין, אבער עס מוז געהאלפען ווערען און געצייגט ווערען די וועגען דורך ריכטיגער בעהאנדלונג, גוטע עצות און פערשיעדענע ארטען פון לעבען. איבערהויפט וויל דר. לאנדעס רופען אייער אויפ־מערקזאמקייט, יונגע לייטע, ניט צו פערנאכלעסיגען אייער ערשטע אנשטעקיגע קראנקהייט, וועלכע ווערט אונגליקליכער־ווייזע פערערבענט אלס זעהר לייכט. יונגע לייטע רעדען דער־פון הייגטיגע ציישען ווי פון „פאקען שטעלען" אדער „מאזלען", פון וואס יעדער מוז ליידען פריהער אדער שפעטער. דר. לאנדעס, וועלכער פאר זיינע 25 יאהר פראקטיס האט געזעהן גענוג די טרויעריגע פאלגען פון דעם, אפעלירט צו אייך, איהר זאלט ניט האבען די נארישע מיינונג. עס איז געפעהרליך ווען עס קומט און איז זעהר געפעהרליך ווען עס ווערט פערנאכלעסיגט און ניט געהיילט ריכטיג. עס וואלט ווירקליך גוט געווען, ווען יונגע

מענער־קראנקהייטען קומען ניט פון בייזע גייסטער,
דר. לאנדעס זיי אויסקורירען איז א מייסטער.

לייטע וואָלטען געפיהרט א ריינעם לעבען און ניט געגאַנגען געגיסען די פרוכטען פון זינד מיט אונגליקליכע אויסגעלאַסענע פרויען, נור עס איז שווער צו מאַכען די גאנצע וועלט גוט און פרום מיט איין מאָל. יונגע לייטע וועלען זינדיגען, אפילו אַלע דאָקטוירים פון דער וועלט זאָלען זיי עס ניט הייסען. דאָס האָבען אויך געוואוסט די אַלטע אידישע געלערנטע, ווען זיי דריקען זיך אויס, דאָס עס זיינען דאָ דריי זאַכען, אויף וועלכע גאָט אליין וואונדערט זיך און לאָזט אויסרופען אין הימעל ווען עס פאַסירט. אַ יונגער מאַן, וועלכער וואָהנט אַליין אין א גרויסער שטאדט און זינדיגט ניט, אַן אָרעמאַן וועלכער געפינט געלד און קעהרט עס אום צו דעם וואָס האָט עס פערלאָרען, אַ רייכער מאַן וואָס גיט צדקה און לאָזט קיינעם ניט וויסען דערפון. אַלזאָ, יונגע לייטע זינדיגען און וועלען זינדיגען, אבער איין זאַך זאָלען זיי וויסען, דאָס זיי בעגעהען אַ פערברעכען געגען זייער אייגענעם קערפער און געזונד, געגען זייער פרוי און צוקינפטיגע קינדער, געגען די גאַנצע וועלט, צו וועלכער יעדער מענש האָט זיין פליכט אלס וועלט־בירגער, ווען זיי פערנאַכלעסיגען די קלענסטע אנשטעקונג אדער היילען זיך ניט פאָלקאָם אויס.

רעדענדיג פון היילען קראנקהייטען אין אַלגעמיין און געשלעכטליכע קראַנקהייטען אין איינצעלהייט, קען זיך דאָקטאָר לאַנדעס ניט אָבהאַלטען פון מאַכען עטליכע בעמערקונגען. אָבמאַכענדיג אין אַ זייט די דראָגיסטען וועלכע בעגעהען קרימינעלע פערברעכענס און פּרובירען צו טהאָן עטוואָס וואָס איז פערבאָטען דורכ'ן געזעץ, וויל זיך דר. לאַנדעס אָבשטעלען אַ פּאָר מינוט אויף די „אויך מיר דאָקטוירים“, וועלכע זיינען געבליבען שטעהען הינטערשטעליג אין זייער פּראָפעסיאָן, איבערהויפט די, וועלכע מישען מעדיצין מיט פערשיעדענע פּאָליטישע אידעען. אלס וואָס זיי וויסען איז אָבער „פּילס“ און ווידער „פּילס“ און איינשפּריצונגען. די געשלעכטליכע

דר. לאַנדעס וועט באַלד ארויסגעבען די איבערזעצונג פון „דעמעדזשד גודס“, די וואונדער־דראמא.

קראַנקהייטען אַטאַקירען דעם גאַנצען קערפּערגעבוי, דעם נערוען סיסטעם איבערהויפּט, מיט וועלכע די געשלעכטליכע אָרגאַנען זיינען אַזוי ענג פערבונדען. דאָס וואָס: זיי האָבען ניט קיין עלעקטרישע בעהאַנדלונגען, קיינע מיטלען צו שטודירען און אַנאַליזירען די „אורין" און בלוט און אַנדערע מאָדערנע ערפינדונגען און אַפּאַראַטען, זיינען ניט וויכטיג און שעדליך. ווי דען אַנדערש קענען זיי זאָגען? איהר קענט אורטהיילען נאָך דעם אויסזעהן פון זייער אַפּיס, פון זייער פּערזענליכען אויסזעהען, פון זייער בענעהמען, בעהאַנדלען און בעשמוצען אַלעס. היט זיך פון זיי! געהט צו אַ ספּעציאַליסט, וועלכער האָט צו דיעזע אַנגעלעגענהייטען געווידמעט זיין גאַנצען פּראָפעסיאָנעלען לעבען, וועלכער איז אין אַ קלאַס פאַר זיך אַליין. קיין קראַנקהייט טאָר ניט פערנאַכלעסיגט ווערען, איבערהויפּט פון די געשלעכטליכע אָרגאַנען. זייער ראָלע וואָס זיי שפּיעלען אין קערפּערליכען און גייסטיגען לעבען זיינען אַזוי וויכטיג, דאָס זיי טאָרען ניט פערנאַכלעסיגט ווערען פאַר אַ מינוט.

ווייסט איהר, ווי די איינוואָהנער פון עגיפּטען און אַלע מאַהאָמעדאַנער היילען קראַנקהייטען? זיי נעהמען אַ לייכענעם טאָפּ, שרייבען אָן אויף איהם פּסוקים פון „קאָראַן" (דער הייליגער בוך פון די מוסלומאַנער), גיסען אָן אין טאָפּ וואַסער, מישען דאָס וואַסער אַזוי לאַנג ביז וואַנען אַלעס אָנגעשריעבענע ווערט אָבגעווישט. דאָס וואַסער ווערט געגעבען צום פּאַציענט פאַר אַלע מאָרטען קראַנקהייטען. ווירקט עס? טהוט עס אויך גוט? פּונקט אַזוי פיעל ווי די „פּילען" און איינשפּריצונגען פון די דראָגיסטען, אויך מיר דאָקטוירים, און „באַבסקע" רפואות, וועלכע זיינען אַזוי פּאָפּולער מיט'ן עולם.

אין גיכען וועט ערשיינען

איין העכסט אינטערעסאַנטער בוך

„דער טייוועל"

דער טייוועל

פערפאסט פון דר. לאנדעס וועט באלד ערשיינען.

13־טער בוך.



פיערצעהנטער קאפיטעל.

„חכמת היצירה“ און וויא עס דערצעהלען די קינדער

די וועלכע ווילען לעזען מעהר איינצעלהייטען וועגען די פערשיעדענע ווענערישע קראנקהייטען, קענען עס געפינען אין דר. לאנדעס' „דאקטאר בוך“ „דער פערפיהרטער“, די „הייראטה“, די „ליעבע“, דער „מענער פריינד“ און אויך אין דר. לאנדעס צייטשריפט „געזונד און לעבען“, וואו עס זיינען דא זעהר אינטערעסאנטע ארטיקלען וועגען „סיפילים“ און „גאנאריע“.

ווערטהע לעזער! אין דעם קאפיטעל וועט איהר געפינען די געשיכטע פון רעפראדוקציאן אין אלע לעבענס-פארמען. דר. לאנדעס גיט אייך איבער אלע איינצעלהייטען און פאקטען און האפט, דאס איהר וועט זיך דערמיט בענוצען ווען איהר וועט אייערע קינדער וועלען דערצעהלען וועגען דער גרעסטער וואונ-דער-ערשיינונג אין דער וועלט. דר. לאנדעס איז צופריע-דען, דאס די אידעע וועגען געשלעכטס-אנגעלעגענהייטען און „חכמת היצירה“ ווערט מעהר ניט פערהאלטען אלס א זאך וועגען וואס מען טאר ניט רעדען. אין געגענטהייל, פערניפטיגע, געלערענטע מענער ביי די אומות העולם האבען זיך גענומען צו די אויפגאבע, אויפצוקלערען די עלטערן און זיי פערשטעהן צו געבען די וויכטיגקייט.

די איינציגע ערשטע און גרעסטע שוויעריגקייט וואס אונז קומט אויסצושטעהען אין פערשפרייטען די וויסענשאפט פון געשלעכטס-אנגעלעגענהייטען איז, דאס זעהר זעלטען זיינען דא עלטערן, לעהרער, זאגאר געלעהרטע מיט ריינע געדאנקען

וואס זיינען די בעסטע צעהן זאכען אין דער וועלט? — דר. לאנדעס צעהן ביכער וועגען טהרת הגוף והמשפחה.

אין דער הינזיכט. דער דורכשניטליכער פאטער און מוטער
האָבען געקראָגען זייער „בילדונג אין דער הינזיכט“ פון אומ־
ריינע שמוציגע קוועלער פון שלעכטע חברים, פון פערדאָרבענע
אויסגעלאַסענע ביכער. **פרעגט זיך אַליין** די פראַגען: קענט
איהר אָנרופען די אָרגאַנען פון פערמעהרונג מיט אַ ליטעראַרי־
שען נאָמען, וואָס איהר זאָלט זיך ניט שעהמען אויסצושפּרעכען
צווישען אַנשטענדיגע מענשען? ווייסט איהר, אין וועלכע־עס־
איז שפּראַך אַנאַנדער אויסער וואולגאַרישען נאָמען פאַר דעם
„אַקט“ אויף וועלכען די צוקונפט פון דער וועלט איז אָבהענגיג?
דר. לאַנדעס דענקט, אַז ווען ער זאָגט, דאָס 95 פון הונדערט
עלטערן, ווי אינטעליגענט און געלערענט זיי זאָלען ניט זיין,
וועלען האָבען אַ שווערע שטיקעל ארבייט צו רעדען וועגען
געשלעכטס־אנגעלעגענהייטען און ניט געברויכען קיין ווערטער,
פון וועלכע זיי אַליין וואָלטען רויט ווערען, ווען זיי וואָלטען
בעטראַכטען וואָס זיי רעדען דאָס ער כאַפּט ניט איבער די מאָס.

דר. לאַנדעס׳ אויפגאַבע איז דאָ פריהער אויפצוקלערען די
עלטערן, אום זיי זאָלען זיין אים שטאַנד אויפצוקלערען די
קינדער. עלטערן, עלטערע ברידער און שוועסטער! איהר
מוזט וויסען, דאָס קינדער זיינען מעהר נייגיעריג און מעהר אי־
נטעליגענט ווי איהר דענקט. קינדער ווילען אַ סך וויסען, וועלען
אַ סך פרעגען און וועלען ניט זיין צופריעדען ביז זיי וועלען
קריגען אַן ענטפער וואָס וועט זיך זיי לעגען אויפ׳ן שכל. איהר
זייט צופריעדען און שטאָלץ וואָס קינדער פרעגען פראַגען אויף
אַלע געגענשטענדע, איהר גיט זיי ענטפערס, די בעסטע ווי איהר
קענט. ווארום ניט דאָס זעלבע מיט די פראַגע „פון וואַנען
קומען קליינע קינדער?“ „וואו בין איך געוועזן איידער איך
בין געבאָרען געוואָרען?“ גיט זיי ניט קיין „סקאַרבאָווע“
תשובות, זיי וועלען זיך ניט צופריעדענשטעלען דערמיט. זיי
וועלען א י י ך מעהר ניט פרעגען, אבער זיי וועלען אויסגעפינען
אַלעס פון די אבשייליכסטע פערדאָרבענסטע קוועלען. אויב

די נערוועז פון מענשען האָבען אַ טעלעגראַף־סיסטעם,
דר. לאַנדעס בעהאַנדלונג איז גוט און בעקוועם.

אייער קינד, נאָכדעם ווי עס דערגרייכט אַ געוויסען עלטער, פרעגט אייך ניט די פראגע: פון וואַנען בין איך געקומען אויף דער וועלט?" איז ער אָדער „אַ ניט־דערבאַקענער" אָדער ער האָט אַלעם אויסגעפונען פון „גוטע ברידער„. דר. לאַנדעס האָט מעהר רחמנות אויף דעם לעצטען ווי אויף דעם ערשטען; דער ערשטער קען נאָך פיעלע מאָל געמאַכט ווערען נאָרמאַל; דער צווייטער איז, מייסטענס, אויף זיין וועג צום זיכערען אונטערגאַנג. די פענאָמען פון רעפראָדוקציאָן מוז דערצעהלט ווערען די קינדער ביסלעכווייז, אַזוי שנעל ווי זיי פאַנגען אָן צו פרעגען. איהר בעדאַרפט איהם ניט דערצעהלען אַלעס מיט אַמאָל. אַזוי שנעל ווי אַ קינד'ס נייגיעריגקייט ווערט צופריעדענגעשטעלט וועט ער זיך בערוהיגען און מעהר ניט פרעגען פאַר יאהרענלאַנג. געוועהנליך פאַנגען אָן קינדער פרעגען דיעזע פראגען ווען זיי זיינען ארום 7 אָדער 8 יאהר, ביי רעגעלמעסיגען ענטוויקלען קענען זיי און זאָלען אַלעס וויסען וואָס א פאָלקאָמענער מענש וויים.

געדענקט אָבער איין זאַך! אייערע געדאַנקען מוזען זיין ריין, אייער האַרץ מוז זיין אונבעפלעקט, אײדער איהר אונטערנעהמט די פראגען צו בעהאַנדלען. רייניגט אייער האַרץ און געפיהלען, נור דאַן קענט איהר אויף זיך נעהמען די שווערע אויפגאַבע. אויב איהר פיהלט זיך ניט פעהיג דאַפיר, אויב איהר קענט ניט פטור ווערען פון די שמוציגע געפיהלען, וועלכע זיינען בעאיינפלוסט דורך מיינונגען וואָס איהר האָט געקריגען פון אייער יוגענד, ליעבערשט לאָזט עס צורוה. איהר וועט טהון מעהר שאַדען ווי גוטעס. גיט ליעבערשט אייערע קינדער גוטע, ריינע ביכער וואָס בעהאַנדלען דעם געגענשטאַנד. אין ענגליש זיינען יעצט דאָ עטליכע ביכער, געשריעבען ספעציעל פיר קינדער, אין אַ זעהר פעהיגען אַרט. פיר אידיש־שפרעכענדע קינדער דענקט דר. לאַנדעס וועלען אויסגעקליבענע פלעצער פון

דר. לאַנדעס איז גרויס אין שרייבען;
אייך קראַנקהייטען קען ער זיכער פערטרייבען.

זיין בוך זיין גוט. מעגליך, ווען דר. לאנדעס וועט ווען־עס־אין האבען צייט און געלעגענהייט, וועט ער אפשר שרייבען א בוך פיר די קינדער אליין.

אלזא מיט די געשיכטע. די וויטערדיגע ציילען ווערען געשריבען אין אזא טאן דאס זיי קענען געלעזען ווערען אי ביי גרויסע, אי ביי קליינע. איך מיין ניט אין בעשיידענהייט. דר. לאנדע׳ס ווערקע, זיינען אלע בעשיידען אזוי ווייט ווי מעגליך, ווי מען דערצעהלט דעם אמת. איך מיין אין אינהאלט און ווערטער אויסוואהל.

דר. לאנדעס׳ אפפיס,

140 איסט 22טע סטריט

ניער לעקסינגטאן עוועניו

ניו יארק

אפיס־שטונדען: { פון 10 פריה ביז 8 אבענדס
זונטאג פון 10 ביז 4.

ראטה פריי.

DR. LANDES, 140 E. 22ND ST.

פופצעהנטער קאפיטעל.

די וועלט און אלע בעשעפעניסען

(געשיכטע פיר גרויסע און קליינע קינדער).

גאט האט בעשאפען די וועלט און אלעס אין דעריין: די גרויסע וואסער'ן, די גרויסע בערג, די ווילדע חיות, אונזערע הויזליכע טהירען, די אינסעקטען, אלע סארטען פייגעל, ווערים און שלאנגען, אלע גרינסען און בוימער, אלעס וואס מען קען זעהען און בעגרייפען, איז בעשאפען געווארען פון גאט. די גרויסע וועלט, מיט איהרע פערשידענ'ארטיגע איינוואהנער מיט איהר וואונדערבארע פאסירונגען, געהט אלעס צו נאך געוויסע געזעצען און רעגעלען. מיר מענשען קענען קיינע פון די געזעצען ניט איבערבייטען. די העכסטע וואס מיר קענען ערגרייכען איז וועגען זיי אויסגעפינען. ווען מיר בעגעהען פערברעכען געגען זיי, ווערען מיר בעשטראפט פריהער אדער שפעטער. ס'איז פונקט אזוי, ווי איהר קינדער וואלט צובראכען א טייערע כלי, וואס ווערט געברויכט איין מאל אין א יאהר. איהר וואלט קיינעם דערפון ניט דערצעהלט. אבער ווען דער טאג קומט ווען מען געהט געברויכען די כלי און מען געפינט עס צובראכען, דאנסט קומט ארויס דער אמת, און דער שאדען ווערט ענדעקט. מאנכע מאהל צוברעכט א קינד א פיעס פון א פולען סעט, ווען דאס קינד וואלט גלייך לאזען וויסען דערפון, וואלט מען פיעלע מאהל געקענט קריעגען אנאנדערע. ווען עס ווערט אבער פערלייקענט, און די צייט פערגעהט, איז אונמעגליך, אדער זעהר שווער עטוואס אזעלכעס צו קריעגען. אזוי איז מיט אלע זינד, וועלכע ווערען בעגאנגען געגען די נאטור. נאך א משל. איהר האט זיך איינגעשניטען א פינגער, אנשטאט צו העלפען נאטור די טהיילען (חלקים) זאלען צוזאמען וואקסען, אנשטאט צו

דר. לאנדעס „געזונד און לעבען" עבען ערשיענען,
ענטהאלט אלעס וואס איהר דארפט און זאלט וויסען.

צוליינגען אַ פלאַסטער עס זאָל עס בעשיצען און צוזאַמען ציהען, וואָלט איהר מעהר איינגעשניטען, געהאַלטען שמוציג אדער גאָר צוגעגאָסען עפּים וואָס וועט צורייצען די רויהע פנים פון וואונד.

אַלזא צוריק צו אונזער ענין. אַלעס וואָס איז בעשאַפען אויף דער וועלט איז גאָטעס אַרבייט. יעדער זאַך וואָס איז בעשאַפען איז בעשאַפען געוואָרען פיר אַ בעשטימטען צוועק. פיעלע מאָהל ווייסט איהר קינדער ניט פיר וואָס עטוואָס איז בעשאַפען; בעשליעסט ניט האַסטיג אַז מען דאַרף עס ניט, טראַכט ניט אויס קיין געברויכען דאפיר, פרעגט זיך נאָך איידער איהר זאָלט מאַכען פאַלשע בעשליעסע, אייער פאָטער און מוטער, זיי זיינען אייערע בעסטע, און פיר אַ לאַנגע צייט, אייערע איינציגע פריינד. וואָס זיי זאָגען אייך איז אמת. צו אייך דאַרפען זיי דיענען און אויסזעהען אַלס די בעסטע מענשען אין דער וועלט. די ערגסטע עלטערן, אויב עס גיב'ן אַזוינע, זיינען אימער גוט צו אייך קינדער, און אויב זיי זיינען שלעכט צו אייך, איז די אורזאַכע פיעלע מאָל דאָס איהר פערשטעהט זיך ניט איינע די אַנדערע.

איידער איך וועל אייך דערצעהלען מעהר, וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכען, דאָס אויף דער וועלט ווערען ניט בעשאַפען קיינע שמוטציגע, אומריינע זאַכען. אַלעס איז ריין, זויבער און כמעט הייליג. אַלעס וואָס דער מענש אָדער חיה טהוט אין נאַטירליכען אַרט מוז, און זאָל געטהאָן ווערען; עס איז נויטיג אום דעם לעבען אויפצוהאַלטען. אַלע ארגאַנען, אַלע גליעדער פון קערפער זיינען ריין און הייליג; יעדערער פון זיי האָט זיין פליכט צו ערפיהלען, און ערפיעלט עס. עס זיינען ניט דאָ קיינע סעקרעטען, וועלכע איהר דאַרפט אויסגעפינען פון אייערע חברים אדער חבר'תות און הייליג צוזאָגען קיינעם ניט אויסזאָגען, אַלעס איז בעוואוסט אדער וועט צו אייך בעוואוסט ווערען אַזוי שנעל ווי איהר וועט זיין גרויס גענוג און וועט אַלעס דאַרפען ווייסען. אייערע חברים ווייסען קיין זאַך ניט,

לעזט און פערשפרייט דר. לאַנדעס ביכער
און צייטשריפט „געזונד און לעבען“.

זיי ווייסען בלויז האלבע „מעשיות“, און די אזוי צודרעהט און
פערדארבען דאס עס דערציילט אייך קיין זאך ניט. אום צו לער־
נען שפראכען, קענטעניסע, געהט איהר צו אייערע לעהרערס;
ווען איהר ווילט הילף אין אייערע אויפגאבען געהט איהר צו
אייערע עלטערן; ווארום ווען איהר ווילט עפּיס לערנען וועגען
אייער קערפּער ניט געהן צו אייערע עלטערן און לעהרער? זיי
וועלען אייך אלעס דערצעהלען און טויזענד מאהל בעסער ער־
קלעהרען ווי אייערע אונוויסענדע פערדארבענע פריינד.

יעדערער פון אייך קינדער, צו א געוויסען צייט אין לעבען,
פאנגט זיך אן פרעגען א פראגע: „פון וואנען בין איך געקומען
אויף דער וועלט“?, „פון וואנען קומט מיין קליינער ברודער׳ל
אדער שוועסטער׳ל“?, „וואס איז א טאטע“?, „ווארום איז די
פרוי מיין מאמע“? פערבעהאלט ניט די פראגען און שעהמט
זיך ניט דאמיט. איהר קינדער זייט פול בערעכטיגט צו וויסען
וועגען אלעס וואס אייך אינטערעסירט. שעהמט זיך ניט, קומט
דרייסט צו אייערע עלטערן אדער לעהרער, פרעגט זיי. די גע־
שיכטע וואס דר. לאנדעס שרייבט דא, איז אויך א וועג זיי
צו העלפען ענטפערען אייערע פראגען, אדער אייך עס לאזען
לעזען.

האט איהר ווען ס׳איז בעמערקט די פיינע בלומען וואס
וואקסען אין די גערטנער, די שעהנע פרוכטען וואס וואקסען
אויף די בוימער, די היבשע, שטאלצע ווייץ און קארן וועלכע
בעדעקען די פעלדער, די גרינע ווייכע גראז וואס גיעט די לאנד
אזא לוסטיגען, ליעבליכען אויסזעהן? גאט האט בעשאפען די
ערשטע גראזען, פלאנצונגען און בוימער און האט זיי געהייסען
זיין פרוכטבאר און זיך צו פערמעהרען. ווען די בלומען און אלע
געוויקסע וואלטען זיך ניט פערמעהרט, וואלט די וועלט געווען
א וויסטעניס. אום א געוויקס זאל זיך פערמעהרען מוז די פאטער
טהייל און מוטער טייהל זיך פעראייניגען. די מעהרסטע בלו־
מען און פלאנצונגען ענטהאלטען אין זיך אי דעם פאטער טהייל

ווען דר. לאנדעס בעהאנדעלט און קורירט,
דאן איז די היילונג זיכער גאראנטירט.

אי די מוטער טהייל. צו געוויסע צייטען פעראייניגט זיך דער פאטער מיט די מוטער, דער פאטער מהייל לאזט איבער אין די מוטער טהייל אביסעל דינע שטויב, וועלכע איז וויכטיג אין פערמעהרונגס פראצעס. די זונען שיין און רעגען העלפען דעם פערבינדונג, און אין א קורצע צייט קומט ארויס א נייער בליהונג, און אזוי ווערט געשאפען א נייע לעבען. אנדערע פלאנצונגען ענטהאלטען בלויז א פאטער טהייל אדער א מוטער טהייל אליין. דיעזע ווערען קיינמאהל ניט פרוכטבאר, סיידען די פערשיעדענע טהיילען ווערען צוזאמען געבראכט דורכ'ן ווינט אדער דורך עפעס אנאנדערע מיטעל.

אלזא אין פלאנצונגען פאסירט עס דאס די מוטער און פאטער טהיילען זיינען אין איין קערפער, אבער אין לעבעדיגע בעשעפעניסען, גיעדריגע ווי העכערע פארמען, בעשטעהען זיי פון צוויי געשלעכטען: מענליכע און ווייבליכע. יעדער געשלעכט האט בעזונדערע ארגאנען, וועלכע זיינען בעשטימט פיר געוויסע צוועקען. אין די מוטער זיינען די הויפט ארגאנען צוויי רונדע קערפערלעך, וועלכע ווערן גערופען אווּעריעס, וועלכע פערפארטיגען און ווארפען ארויס קליינע אייעלאך. די פאטער ארגאנען גיעבען ארויס א מין פליסיגקייט, וועלכע ווערט גערופען זאמען. אין פערשיעדענע בעשעפעניסען קומען זיך די קליינע אייעלאך און די זאמען צוזאמען אויף פערשידענע ארטען: אין פריהלינג פון יאהר, ווערען פארמירט אין די אווּעריעס פון פיש, טויזענדע קליינע אייעלעך, דאס איז די „איקרע" וועלכע מען געפינט אין פיש. ווען די אייער ווערען רייף, שווימט די מוטער פיש אוועק פון טיעפע שטראמיגע וואסער צו שטיעלע, ניט טיעפע וואסער, וואו זי מאכט א נעסט פיר די אייער. דארטען לייגט זי איהרע אייער אין א גליציגע, קלעפענדיגע אונטערבעט, וואס זעהט אויס ווי די ווייסעל פון אן איי. דער פאטער פיש, וועלכער שווימט נאך איהר די גאנצע צייט, גיעבט ארויס פון זיין געשלעכטליכען ארגאן די פליסיג־

דר. לאנדעס ביכער: „דער פערפיהרטער", „קערפער און זעעלע", „טהרת המשפחה".

קייט „זאמען", וועלכע פעראייניגט זיך מיט די אייער און מאכט זיי פרוכטבאר. די „זאמען" ווערען פערפערטיגט ביי צוויי ארגאנען, וועלכע ווערען גערופען „טעסטיקלעס" און דאס „זאמען פערפערטיגונג איז זייער פונקציאן. אויף אזא אופן פעראייניגען זיך דער פאטער און מוטער נאטור אין פיש און אזוי ווערען געבארען די הונדערטע טויזענדע קליינעקע פישעלאך יעדען יאהר. די מוטער פיש לייגט מעהר ווי 6 מיליאן אייער אין א יאהר. די אורזאכע דאפיר איז דאס די פערשיעדענע וואסער חיות, זאגאר אנדערע פיש   פרעסען און צושטערען א סך פון די געלייגטע אייער. אזוי פלאנעוועט די נאטור פאראויס, אום אלעס זאל ריכטיג פארקומען אין דער נאטור. אזוי שנעל ווי די מוטער פיש לייגט די אייער און דער פאטער האט זיי געמאכט פרוכטבאר, שווימען זיי ביידע אוועק און זעהן זייערע קינדער מעהר ניט אן.

די נאטור פארשער דערצעהלען אלס אויסנאהמע פעלער פון איין סארט פיש, פון וועלכען דער פאטער פיש שווימט ארום די אייער און פאסט אויף זיי ביז די קליינע פישעלאך קומען ארויס, און אזוי שנעל ווי זיי קומען ארויס, פערלאזט ער זיי. אויף דעם אופן ווערען אלע פיש געבארען און ערצויגען יתומים. זיי ווייסען ניט דעם פערגניגען פון האבען עלטערן און פערזארגער. די עלטערן פון די פיש אפפערען קיין זאך פיר די וואהלטאג פון זייערע קינדער. אלזא ווי מיר האבען ביז יעצט געלערנט ווערען די פלאנצונגען פרוכטבאר אין די מוטער טהייל, אדער „אווריע" פון בלום; דער פיש איז די איינציגע אויסנאהמע, וואו די אייער ווערען פרוכטבאר ניט אין מוטער קערפער. אין כמעט אלע איבעריגע בעשעפניס'ן ווערען די אייעלאך פרוכטבאר אין די מוטערס קערפער.

צווישען דעם פאטער און מוטער פיש עקסעסטירט ניט קיין ליעבע. זיי פאארען זיך ניט און פיהרען ניט קיין פאמיליען לעבען. צווישען די אנדערע נידעריגע פארמען פון לעבען ווי

„מאן און פרוי" פון דר. לאנדעס פערפאסט,
וועט עמפפאנגען ווערען אלס א גוטער גאסט.

סערפענטס, שפינען, אינסעקטען, פרעש און ז. וו. עקסעסטירט געוויסע נייגונגען פיר פאַטער און מוטער זיך צו פּאָארען און לעבען אַ פאַמיליען לעבען. דאָס האַלט אָבער ניט אַן לייגגער ביז וואַנען די אייער ווערען געלייגט, צום לייגגסטען ביז וואַנען די אייער ווערען אויסגעבריהט און געעפונט.

ביי די פויגלאַך, די אַלע שעהנע זינג־פויגלאַך און די אנדערע פויגלאַך קומט דער פּראַצעס פון פערמעהרונג צו מיט מעהר ערנסטקייט און מעהר ליעבע. אין יעדען פריהלינג קלויבט זיך אויס דער פאטער פויגעל אַ מוטער פויגעל, מיט וועלכער ער האָט חתונה. צוזאַמען בויען זיי אַ נעסט, וואו זיי וואָהנען צוזאַמען ביז זיי האָדעווען אויף זייערע קליינע פייגע־לאַך. יעדע מוטער פויגעל האָט געשלעכטליכע אָרגאַנען, וועלכע ווערען גערופען „אָווערישס". אין די אָווערישס ווערען פאָר־מירט קליינע אייעלעך, וועלכע ווערען פרוכטבאַר דורך די זאמען פון פאטער פויגעל. ארום די אייער, ווערט בעשאַפען אַ דיקע הויט, אַ שאָלעכץ, און ווען די שאָלעכץ איז פאָרמירט, דאַן קומט עס ארויס. די קליינע פייגעלאַך קומען אָבער ניט ארויס אַזוי לייכט ווי די קליינע פישעלאַך. די מוטער פויגעל מוז אויף זיי זיצען און מוז זיי האַלטען וואַרם פאַר אַ בעשטימטע צייט. בלויז נאָך אַ לאַנגע געדולדיגע אַרבייט ווערען ערשט געבאָרען קליינע פויגעלאַך. פאַר דער צייט וואָס די מוטער פויגעל זיצט אויף די אייער פאַסט דער פאטער פויגעל אויף איהר אויף, ברענגט איהר שפייז און בייט זיך מיט איהר מיט'ן פלאַץ, אום די מוטער פויגעל זאָל זיך אַביסעל אָברוהען און אַביסעל ארומ־פליהען. ווען די קליינע פויגעלאַך ווערען גרעסער, לערנען זיי די עלטערן אַלעס וואָס זיי ווייסען אַליין: זיי לערנען זיי ווי צו כאַפּען פליעגען, ווי צו זוכען ווערים, ווי זיך אויסצוהיטען פון זייערע שונאים, ווי קעטץ, שלאַנגען און מענשען, אויך ווי ארומצופליהען. פון ענדע זומער ביז נעקסטען פריהלינג לעבען

„נערוועזישע אמעריקא", דר. לאַנדעס נייער בוך
וועט קירצליך ערשיינען.

אַלע פייגעלאך צוזאַמען אין פלאַקס; דעם נעקסטען זומער פאָארען זיי זיך פון דאָס ניי.

ביי די אינסעקטען געהען דורך די יונגע פערשיעדענע ענטוויקלונגס שטופען אין עקסטראַ בעשאַפענע פון דער נאַטור געצעלטען אָדער נעסטען. ביי דעם העכערען סאָרט חיות און ביי דעם מענשען ווערען די יונגע ענטוויקעלט אין מוטער'ס קערפער, וואו זיי האַלטען זיך אויף ביז זיי ווערען פאָלקאָם ענטוויקעלט. נאַטור האָט דאַפיר בעשאַפען אַ ספּעציעלען אָרגאַן וועלכער ווערט גערופען מוטער־לייב. אין מוטער־לייב האַלט זיך אויף דאָס יונגע קינד אָדער דאָס יונגע חיה'לע, ביז עס ווערט שטאַרק גענוג געבאָרען צו ווערען. דאָס יונגע לעבען פאַנגט זיך אָן פון אַ קליינע אייערע וואָס ווערט פרוכטבאַר דורך בעריהרונג מיט זאַמען. דאָס האַלט זיך אויף אין מוטערלייב און ענטוויקעלט זיך פאַר אַ לענגערע צייט. דאָס נייע לעבען, איידער עס ווערט פאָלקאָם ענטוויקעלט, ווערט גערופען „עמבריאָ“, אין העברעאיש „וולד“. די „עמבריאָ“ ווערט גענעהרט פון דער מוטער; די מוטער פערזאָרגט איהם מיט בלוט, לופט, און אַלעם וואָס עס געברויכט ביז עס ווערט געבאָרען. אין די ניעדריגע פאָרמען פון לעבען נעהמט עס ניט לאַנג פיר די יונגע צו ווערען זעלבסטשטענדיג און זיין אימשטאַנד זיך אויפפּאַסען אויף זיך אַליין. אנדערש איז עס אָבער מיט די העכערע פאָרמען פון לעבען, איבערהויפּט מיט די מענשען. זיי ווערען געבאָרען הילפלאָז און מאַכטלאָז. פיעלע חיות ווערען געבאָרען זאָגאַר בלינד. די מענשען־קינדער איבערהויפּט זיינען זעהר הילפלאָז און זייערע עלטערן מוזען זיי פערזאָרגען מיט אַלעם פיר אַ זעהר לאַנגע צייט. פאַר מאָנאַטען לאַנג מוז זיי די מוטער געבען מילך פון איהרע בריסט, מוז זיין מיט זיי טאָג און נאַכט, מוז זיי אויפפּאַסען פון שאדען און קראַנקהייטען. די געבורט פון די יונגע ביי מענשען, איז פערבונדען מיט מעהר אָדער ווייניג געפאַהר פאַר דער מוטער. עס

דר. לאַנדעס בוך „בוים פון לעבען“, פריי.
שיקט אַ סטעמפּ און אייער אַדרעסע.

איז מערקווירדיג, וואָס מעהר שמערצען די בעשעפעניש האָט ביים ברענגען אַ נייעם לעבען אין דער וועלט, דעסטאָ מעהר צוגעבונדען און איבערגעבען זייגען די עלטערן צו דעם נייגעבאָרענעם, און איינער צום אַנדערען. דעריבער ליעבען אַזוי די מענשענקינדער זייערע נייגעבאָרענע און די פרויען וואָס גיבען די געבורט און טראָגען כמעט די גאַנצע לאַסט פון די קינדער.

יעדעס קינד איז געווען, איידער עס איז געקומען אויף דער וועלט, אין זיין מוטער'ס קערפער, אין די מוטער־לייב. דאָרטען האָט עס פערבראַכט לאַנגע ניין מאָנאַטען, 280 טעג. דאָרטען האָט עס זיך ענטוויקעלט פון אַ קלייניצקע אייעלע, וועלכע מען וואָלט צוערשט ניט געקענט זעהן מיט די נאַקעטע אויגען, ביז עס איז געוואָרען אַ פאָלקאָם ענטוויקעלטע בייבי. די מוטער האָט די גאַנצע צייט געוואוסט פון די קליינע אייעלע, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין ענטוויקלען, זי האָט עס געשפייזט און געמעהרט מיט איהר בלוט. איהר קערפער און נשמה האָבען עס פערזאָרגט מיט אַלעס וואָס אַ נייער לעבען פערלאַנגט. די מוטער האָט עס ליעב געהאַט, געציטערט דאַפיר און אָפט גאָט געבעטען וועגען דעם. זי האָט געוואוסט ווען עס וועט קומען צו דער וועלט און האָט גוטמוטהיג און געדולדיג געוואַרט און אַריבערגעטראָגען די שמערצען פון ווערען מוטער. ווען עס איז געבאָרען געוואָרען, איז די מוטער געווען איבערגליקליך. דער פאָטער האָט אויך געפיהלט דאָס זעלבע. אַ נייע קינד איז זיכער אַ נייער אויסדרוק פון דער ליעבע און איבערגעבענהייט, וועלכע הערשט צווישען פאָטער און מוטער. די מוטער האָט פיעלעס געטהאָן דאָס קינד צו מאַכען פאַר אַ מענשען. אַלזאָ, זעהט איהר, דאָס יעדער מענש איז צו אַ געוויסער צייט געווען אַ טהייל פון זיין מוטער, וועלכע האָט צו יענער צייט עקזיסטירט און געלעבט כמעט אויסשליסליך פאַר איהם.

אין בעהאַנדלען קראַנקע פערברענגט דר. לאַנדעס זיין לעבען, זיין צו רעטען און העלפען איז זיין ציעל און שטרעבען.

די מוטער גיט ארויס די אייעלע פון וועלכע דער נייער לעבן פאנגט זיך אָן. די אייעלע קען אָבער ווערען פרוכטבאַר נור ווען עס קומט אין בעריהרונג מיט די פליסיגקייט וועלכע דער פאָטער גיבט ארויס, דעריבער פעראייניגען זיך פאטער און מוטער צו געוויסע צייטען אום צו ערפילען די געזעצע פון נאַטור און די ווינשע פון זייערע הערצער.

דר. לאַנדעס׳ אָפפיס,

140 איסט 22טע סטריט

ניער לעקסינגטאָן עוועניו

ניו יאָרק

אָפיס־שטונדען: { פון 10 פריה ביז 8 אבענדס
זונטאג פון 10 ביז 4.

ראַטה פריי.

DR. LANDES, 140 E. 22ND ST.

זינד געגען דיא נאטור

פון דר. לעאנארד לאנדעס.

פרייז 20 סענט.



קאטאלאג

צו

דר. לאַנדעס׳
געזונדהייט אויסשטעלונג
אין 44 דעלענסי סטריט

קיין זאך ניט שווידערליך
אזוי לאַנג ווי עס איז נאַטירליך.
(מאַרקוס אורעליוס)

אַלע קונסט־ווערק אין וואקס, אַלע בילדער, זיינען אום אייך צו לערנען און בעקאַנט מאַכען מיט די אָרגאַנען פון אייער קערפער, און די קראַנקהייטען, וועלכע פּלאָגען זיי. קראַנקהייט איז דער רעזולטאַט פון אונוויסענהייט. ווען מענשען וואָלטען געוואוסט אַלעס וועגען וועגערישע קראַנקהייטען, וואָלט שוין די וועלט פון זיי לאַנג פּטור געווען, אזוי ווי זי איז יעצט כמעט אין גאַנצען פּטור פון "כאָלעריע" און „פּאָקען"—די פּראָדוקטען פון ניט־ציכטיגען און ניט־היגיענישען לעבען.

אמת איז אימער ריין. בלויז צו וואולגאַרע מענשען זעהט אַלעס אויס וואולגאַר.

דיעזע אויסשטעלונג איז צו העלפען די, וואָס קענען קיין זאך בעגרייפען סיידען זיי זעהן עס מיט די אויגען און אויך העלפען בעסער פערשטעהן די, וועלכע ווילען לערנען זאכען גרינדליך.

קוקט אויף די פיגורען און בילדער, קוקט נאָך אמאָל, שטו־דירט זיי ריכטיג מיט די הילפע פון דיעזען קאַטאַלאָג. קומט עטליכע מאָל, ביז איהר פערשטעהט אַלעס ריכטיג. ברייגגט

מיט אייערע פריינד און בעקאנטע: זאָלען זיי אויך געניסען דעם פערגניגען, וואָס בילדונג און וויסענשאפט גיעט.

אויב איהר זייט בעאיינפלוסט געגען מיר דורך פערזאָנען, וועלכע האָבען שלעכטע מאָטיוועו און קוקען אויף אלעם אין דער וועלט פון זייער אייגענעם שטאַנדפונקט, בעט איך אייך גוט צו בעטראַכטען די אויסשטעלונג אהן פאראורטהיילע און זאָגען אויב די אויסשטעלונג, וועלכע איז די פרוכט פון מיינע 25 יאָהריגע ערפאַהרונג און וועלכע האָט געקאָסט אזוי פיעל געלד צו פאָרבערייטען און קאָסט אזוי פיעל געלד צו האַלטען אָפען פריי פאַר יעדען, איז ניט א גוטע איבערצייגונג צו מיין איבער־געבענהייט צו דעם פובליקום און צו די ריינקייט פון מיינע מאָ־טיווען.

געווים פיעלע וועלען זאָגען, דאָס עס איז בלויז אדווער־טייזינג. עס איז טאַקע אַדוועורטייזינג, אָבער מיין פולען ענט־פער דאַצו וועט איהר געפינען אין מיין בוך „דער בוים פון לע־בען“, וועלכען איהר קריגט פריי.

אכטונגספאָל,

Dr. Leonard Landes.

140 איסט 22סטע סטריט.

אויב איהר פערשטעהט עפּעס ניט, אדער איהר ווילט וויסען מעהר אייגצעלהייטען, — ווענדעט זיך צו די אַנגע־שטעלטע, זיי וועלען אייך אלעס גערן ערקלעהרען.

קאַטאַלאָג

צו דר. לאַנדעס׳ געזונדהייט אויסשטעלונג

קיין זאַך נים שוידערליך
אַזוי לאַנג ווי עס איז נאַטירליך.
(מאַרקוס אורעליוס)

---

1. אויסערער אַנאַטאָמישער אויסזעהן פון אַ קאָפּ מיט אַלע בלוט געשיער.

2. אינווענינסטער אויסזעהן פון אַ קאָפּ, ציינענדיג אַלע אָרגאַנען.

3. אַ טראָפּען „זרע“, פיעלפאַכיג פאַרגרעסערט.

(מעהר וועגען דעריין אין דר. לאַנדעס ביכער: „מאַן און פרוי“ און „קערפּער און זעעלע“).

4. אינווענינסטער אויסזעהן פון אַ טעסטיקעל (ביצה).

5. אַן ענטצינדעטער מאַרך (מוח).

6. דער מאַגען פון אַ מאַן וואָס טרינקט שטאַרקע געטראַנקען מיט אַ מאָס. (לעזט זיין בוך „דער מענש“).

(דאָך איז דער מאַגען נים אין גאַנצען נאָרמאַל—דר. ל. ל.).

7. דער לעצטער חלק פון די געדערים אין נאָרמאַלען אויסזעהן.

8. „פייעלס“, מערידען.

(פיעלע לייטע דענקען, דאָס אום פּטור צו ווערען פון מערידען, מוז מען זיי אויסשניידען; דר. לאַנדעס הוילט זיי אָהן אַ מעסער, און האָט גוטע רעזולטאַטען).

9. די געדערים פון אַ שכור.

10. אַ סעקציאָן דור׳ן מאַרך און די אויג.

11. אַ טעסטיקעל דורכגעשניטען אין העלפט, ציינענדיג די אויפגעלאָפענע און פערגליווערטע בלוט אָדערען.

(דר. לאַנדעס, 140 איסט 22סטע סטריט, קורירט אַזעלכע פעלע).

12. הערניא, אדער ברוך, וואו די געדערים האבען זיך ארונטער געלאזען אין בייטעל.

13. א סעקציאן דורך די מענליכע געשלעכטליכע ארגאנען, צייגענדיג אלע טהיילען אין נארמאלען אויסזעהן

(גוטע בעשרייבונג אין דר. לאנדעס' בוך „מענער פריינד").

14. אויסערער אויסזעהן פון א פוס, צייגענדיג אלע אדערען און גרעסערע בלוט געשיער (ארטעריעס).

15. א יונג קינד מיט סיפיליטישען אויסשלאגונג פון פערשיעדענע פארמען איבער דעם גאנצען קערפער.

16. סיפיליטישע קרעץ אויף א יונג קינד.

17. סיפיליטישע בלאזען אויפ'ן לייב פון א נייגעבארענע קינד.

(אלעס וועגען סיפיליס אין דר. לאנדעס' נייעם בוך: „דער מיזוועל", וואס וועט קורצליך ערשיינען).

18. א הארטע סיפיליטישע אויסשלאגונג אויפ'ן געזיכט.

(סיפיליס ווערט איבערגעגעבען פון מאן צו פרוי, קיין מאן טאר נים חתונה האבען, סיידען ער האט זיך בעראטהען מיט א ספעציאליסט און יענער האט איהם ערלויבט. דר. לאנדעס' ראטה איז אימער פריי).

19. עקסזעמא אויף א פוס אין א שטרענגע פארמע.

(דר. לאנדעס וויים, דאס עקזעמא איז נים בלויז א הויט קראנקהייט, זאנדערן עס איז א קראנקהייט פון גאנצען קערפער געבוי. זיין בעהאנדלונג איז ערפאלגרייך).

20. אויסזעהן פון א געזונדען מאגען.

(א גוטע בעשרייבונג וועגען דעריין אין דר. לאנדעס' בוך „דער מענש").

21. אויסזעהן פון א מאגען וואס האט אלסערס (וואונדען וועלכע פערהיילען זיך נים).

22. אן ענטצינדעטער מאגען.

23. דער מאגען פון א מענשען, וועלכער ליידעט פון „דעליריום טרימענס"; דאס איז א קראנקהייט וועלכע קומט פון פערגיפטען דעם קערפער מיט שנאפס.

24. א סיפיליטישער אויסשלאג אויפ'ן ברוסט. די פרישצעם זיינען קליין און פול מיט מאטעריע.

25. א סיפיליטישער אויסשלאג אויפ׳ן פוס. די אויסשלאג איז טרוקען און האלט זיך אין אפשיילען.

26. א פער׳הארטערט׳ער „שאנקער“ אויף א פינגער.

(א „שאנקער“ איז דער ערשטער צייכען פון סיפילים. אין דיעזער שטופע איז עס לייכטער צו היילען).

27. א כראנישע הויט ענטצינדונג מיט טרוקענע קרעצלאך.

28. א פערגליווערטע בלוט־אויסגיסונג אונטער׳ן הויט.

29. דיזעלבע וואס 27, בלויז דיעזער איז צושפרייט אויפ׳ן גאנ־צען האנד.

30. א געוויקס אויפ׳ן געזיכט.

31. „עראסיפילים“ אויפ׳ן געזיכט, א הויט ענטצינדונג, בע־קאנט ביי אידען מיט דעם נאמען „רויז“.

32. „הערפעס“, א הויט קראנקהייט, דורך וועלכע די הויט ווערט בעדעקט מיט בלעזעלאך.

(דר. לאנדעס איז אין פראקטיק פאר די לעצטע 25 יאהר, אין 140 איסט 22סטע סטריט. זיין ראטה איז פריי).

33. דיזעלבע וואס 24; די אויסשלאגונג איז אויפ׳ן רוקען.

34. די לייב פון א סיפיליטיקער, פול מיט וואונדען וועלכע היילען זיך ניט.

35. א כראנישע הויט ענטצינדונג.

(אלעס וועגען סיפילים אין דר. לאנדעס׳ בוך: „דער טייוועל“).

36. דער אויסזעהן פון לעבער.

37. א לעבער אין וועלכען עס געפינט זיך א געוואוקס, אין פאר־מע פון א נאגעל.

38. א וואונד אין א לעבער פון א סיפיליטישען פאציענט.

(מענער קראנקהייטען זיינען דר. לאנדעס׳ ספעציאליטעט).

39. ארויסשטעקענדע מערידען.

40. א רייסונג אויפ׳ן הינטער־חלק.

41. א ברוך, וואו א טהייל פון די קישקעס געפינען זיך אין בייטעל.

42. „פיסטולא“, אן עפענונג פון א רייסונג וועלכע געפינט זיך טיעף אין הינטער־חלק, און דורך וועלכען עס געהט מאטעריע.

43. מאַסטורביישען. די עפעקטען פון זעלבסט־בעפרידיגונג אויפ'ן מענליכען אָרגאַן.

(דר. לאַנדעס בעהאַנדעלט און קורירט מעהר מענער פון זעלבסט־בעפרידיגונג עפעקטען אין איין יאָהר, ווי הונדערטע אנדערע דאָקטוירים אין זייער גאַנצען לעבען).

44. וואַסערברוך (הידראָסיל), צוזאַמענפלוס פון סערום אין ביימעל.

45. פערהאַרטעוועטע בלוט אדערן.

46. קליינע פער'האַרטערט'ע שאַנקערס.

47. אַ גרויסע „בובא" (אויפגעשניטען), די פאָלגונג פון אַ ניט ריכטיג בעהאַנדעלטען פאַל פון גאָנאָראיע.

48. אַ סעקציע דורכ'ן בלאָזער, פראָסטייט גלענד, מענליכער גליעד אין נאָרמאַלען צושטאַנד.

49. די אויסזעהן פון אַ ענטצינדעטען אוריען־קאַנאַל.

50. אַ געשוואָלענער פראָסטייט גלענד.

(לעזט דר. לאַנדעס' „בוים פון לעבען", איהר וועט בעסער פערשטעהן די אויסשטעלונג. דער בוך איז פריי).

51. פאַלשע עפענונג און אוריען־קאַנאַל.

52. אַ פערשטאָפּטער אדער פעראיינגטער אוריען־קאַנאַל.

54. פינק־איי.

55. קראָס־איי (קרומע אויג).

56. ענטצונדענע אויג.

57. אַ קאַטאַרעק אדער אַ „בעלמע".

58. טראַכאָמאַ.

59. אלבינא אויג.

60. אַ טיעפער וואונד אויפ'ן צונג.

61. אַ סיפיליטישער קענסער.

62. אלסערס אויף אַ פוס פון אַ סיפיליטיקער.

63. אַ שאַנקער אויפ'ן צונג.

64. אַ צונג ביי אַ סיפיליטיקער.

(סיפילים איז היילבאַר, ווען עס ווערט ריכטיג בעהאַנדעלט. בעראַטהט זיך מיט דר. לאַנדעס).

65. אַ קענסער אויפ'ן נאָז.

66. בארבער'ס איטש (ביישונג), אנשטעקונג פון שמוציגע באַרבער.

67. אויסוועניגסטער אויסזעהן פון אַ געזונדע קיעדני (ניר).

68. אינוועניגסטער אויסזעהן פון אַ געזונדער קיעדני (גיר).

69. אַ ניר פול מיט אלסערס.

70. אַ צושפּאָלטענע קידניע.

71. ענטצינדונג פון די קיעדניע.

72. דער עפעקט פון אַ שטויס אָדער א בריק אויף די נירען.

73. די נירען פון אַ שכור.

74. די קידניע אין פּאָרמען פון א „פּאדקאָווע" (אַ מאנסטאַ־ריסיטיע).

75. שטיינער אין אורין קאַנאַל.

(אַלע נירען קראַנקהייטען ווערען אויסגעפונען דורך אורין עקזאַמעַ־נירונגען. דר. לאַנדעס האָט די מאדערנסטע אַפּאַראַטען דאפיר).

76. אַ טרוקענע סיפיליטישע אויסשלאג אויפ'ן האַנד.

77. פּײַנטע סיפיליטישע אויסשלאַג אויפ'ן געזיכט.

78. א סיפיליטישע ענטצינדונג ארום די נעגעל.

79. אַ טרוקענע אויסשלאַג מיט רויטקייט, ארום און ארום אויפ'ן האַנד.

80. די זעלבע אויפ'ן פוס.

81. קרעץ אויף אַ האַנד.

82. שפּאַלטען און טיעפע וואונדען אויפ'ן פוס.

83. אַ פלוצליכער רויטער אויסשלאַג מיט הארטע קרעצלאך.

84. הויט טובערקולאָזים אויף אַ האַנד (לופוס).

85. אן אויפגעריסענער סיפיליטישער אויסשלאַג אין אן אויער.

86. א כראָנישע הויט ענטצינדונג אויפ'ן האַנד.

87. הויט, ווי עס האַלט זיך אין אבשיילען, אויף אַ סיפיליטישען פּאציענט.

88. סיפיליטישע הויט קראנקהייט מיט הארטע קרעצלאך.

89. סיפיליטישע ענטצינדונג.

90. סיפיליטישער געוויקס.

91. א ווייכער שאַנקער.

92. אַ טיעפער וואונד אויפ׳ן פענים.

93. סיפיליטישער אלסער אויף די פּאָרהויט.

94. וועגערישע באראדעווקעס.

(ווען בעצייטענס קורירט, זיינען זיי ניט געפעהרליך און שנעל קורירבאַר).

95. צייגט דריי פיגורען: 1) דעם גליעד פאַר בעשניידונג; 2) גליין נאָך דעם אפּעריישאָן; 3) ווען דער אָרגאַן ווערט פּאָלקאָם געזונד.

96. שאַנקראָידס.

97. פער׳הארטערט׳ע שאַנקערס.

98. פאראפימאסיס (ענטצינדונג די הויט פון גליעד).

99. ענטצינדונג פון אַ מענליכען גליעד.

100. סיפיליטישער אלסער.

101. אַ ווייכער שאַנקער.

102. אַ הארטער שאַנקער.

103. גאנארייע (טריפּער).

(דר. לאַנדעס, אין 140 איסט 22סטע סטריט, איז אַ מיגער קראַנקהייטען ספּעציאליסט; ער שטרעבט צו מאַכען קראַנקע מיגער געזונד).

104. פהיימאַסיס און טריפּער.

105. כראָנישע הויט קראַנקהייט מיט גרויסע בלאזען.

106. דער מענליכער גליעד צוטהיילט אין צוויי חלקים, ציי־גענדיג די פעראייניגונג פון אורין־קאַנאַל.

107. פיעלע שאַנקעראָידס, וועלכע פעראורזאַכען פהיימאסים.

108. שאנקעראידס אויפ׳ן גליעד.

109. אַ סעקציאָן דורך די מענליכע געשלעכטליכע אָרגאַנען מיט אַ אינסטרומענט דורכ׳ן אורין־קאַנאַל.

110. די זעלבע ווי 109; בעמערקט די אונטערשייד: 109 איז די אלט־בארבארישע מעטאָדע. דער אינסטרומענט פון אייזען ווערט אריינגעשטופּט און קען פערוואונדען דעם קאַנאַל. 110 ווערט דער אינסטרומענט אריינגעבראַכט מיט עלעקטריק און פעראורזאַכט ניט קיינע שמערצען אדער וואונדען. דאָס איז די נייע מעטאָדע.

111. שאנקער אויפ׳ן גליעד.
112. א כראנישע הויט ענטצינדונג, וואס פאסירט גאנץ אפט.
113. א סיפיליטישער געשווילעכץ אויפ׳ן גליעד.
114. א ווייכער שאנקער מיט א הארטען גרונד.
(צו קענען אונטערשיידען צווישען מאנכע שאנקראידס און שאנקערס דארף מען זיין א גוטער ספעציאליסט).
115. עטליכע שאנקערס.
(דר. לאנדעס׳ אפיס איז אין 140 איסט 22סטע סטריט. קימט זיך בעראטהען מיט איהם. זיין ראטה איז פריי).

לעזט און פערשפרייט דר. לאנדעס׳ ביכער און צייטשריפט „געזונד און לעבען״. איהר קריגט זיי איבעראל און אין 44 דילענסי סטריט.

דר. לאנדעס׳ ביכער: זינד געגען די נאטור, דער מענער פריינד, דער פערפיהרטער, דער דאקטאר בוך, טהרת המשפחה, די הייראטה, די ליעבע, דער מענש.

באלד ערשיינען: מאן און פרוי, דער טייוועל, אויסגעלא־סענע וועלט, נערוועזישע אמעריקא.

לעזט און פערשפרייט דר. לאנדעס ביכער און צייט שריפט.

„דער טייוועל״, „אויסגעלאסענע וועלט״, „נערוועזישע אמעריקא״ זיינען די ביכער וועלכע דר. לאנדעס האלט אין פארברייטען.

דר. לאנדעס בוך „מאן און פרוי״ איז שפאנענד, אינטערעסאנט.
איהר קענט עס קריעגען אויף יעדען סטענד.

דר. לאנדעס אדרעסע איז 140 איסט 22טע סטריט.
זיין ראטה איז פריי. יעדער ווילקאמען.



דאס צייגט דיא ריפפען, דעם מאגען, דעם לעבער און דיא גידערים,

וואָרום

דאָקטאָר לאַנדעס האָט אַזאַ גרויסען נאָמען און ערפאָלג

ווייל

1. ער גלויבט אין זיך.
2. ער גלויבט אין דעם ראַטה וואָס ער גיעבט.
3. ער גלויבט אין דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, וואָס ער רעפּרעזענטירט.
4. ער גלויבט אין זיינע אייגענע מעטאָדען פון בעהאַנדלונג.
5. ער גלויבט אין די פּאַציענטען וואָס האָבען איהם געמאַכט וואָס ער איז.
6. ער גלויבט אין דער ריינער וואַרהייט, און דאָס שפּרעכט ער אוים ניט נור דורך ריכטיגער בעהאַנדלונג, נור אויך דורך ריכטיגען ראַטה.
7. ער גלויבט, דאָס עס איז ניט אַזוי וויכטיג זיך נאָך דעם דאָלאַר צו יאָגען ווי לייטע צו קורירען; ווען מען קורירט אייגעם ריכטיג, דאַן קומען די דאָלאַרס צולויפען פון זיך זעלבסט.
8. זאָ פיעלע לייטע גלויבען אין דר. לאַנדעס, דאָס די, וואָס גלויבען ניט אין איהם זיינען אַזוי וועניג, דאס מען הערט זיי ניט.
9. דר. לאַנדעס' בעהאַנדלונגען ברענגען פרעהליכקייט, פריעדליכקייט און מוטה פיר דעם קראַנקען און זיין פאַמיליע.
10. ער מאַכט אימער אַ פריינד פון דעם מאַן וואָס ער בעהאַנדעלט.
11. ער גלויבט אין אַדווערטייזמענט—אבער ע ה ר ל י כ ע אַדווערטייזמענט.
12. די וועלט גלויבט אין דר. לאַנדעס, ווייל ער האָט די מענערקראַפט פון יוגענד, דעם געזעצטען פערשטאַנד פון די מיטעלע יאָהרען און די עהרענווירדע פון דער עלטער.
13. ער גלויבט, דאָס צו בעפרייען די מענשען פון קראַנקהייט און פורכט, איז מעהר וויכטיג ווי אַלעס אין לעבען.
14. ער גלויבט אין „ט ה ר ת ה מ ש פ ח ה", אין דעם ליכטיגען און זויבערען פאַמיליען־לעבען, אין דעם ריינעם, זיסען, געשמאַקפאַלען, ליעבליכען און אַנציהענדען עקזיסטענץ, וואָס איז דער רעזולטאַט נור פון פאָלקאָמענעם געזונד (זאָ ווי עס איז ערקלערט אין זיינע 10 ביכער, וואָס העלפען מיליאָנען מענשען צו דערלענגערען זייער לעבען).

DR. L. LANDES, 140 E. 22nd Street, New York.